אַלע

# אגדות פון תלמוד

## אַן עין יעקב אויף אידיש

ענטהאלט אלע מעשיות, אגדות, משלים
אלעגאָריען, אנעקדאָטען, היסטאָרישע און
ביאָגראפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע,
מאָראלישע און פילאָזאָפישע פערל פון

## גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי

אין דריי טייל

איבערזעצט פון תשר"ק

דריטע פערבעסערטע אויפלאגע

ניו יאָרק
Tashrak Publishing Co., 187 E. Broadway, New York
תרפ"ה

COPYRIGHT 1922
By ISRAEL J. ZEVIN

# THE LEGENDS OF THE TALMUD

Printed in the United States of America.

# אלע אגדות פון תלמוד
## דריטער טייל: ירושלמי

# אינהאלט פערצייכנים
## פון דריטען טייל

דיזער אינהאלט פערצייכנים צייגט אָן ווי צו געפינען יעדען מאמר אין דיזען בוך און אויך אין גמרא.

פאר יעדע מסכת איז דאָ א בעזונדער אינהאלט פערצייכנים.

נאָך דעם טיטעל פון יעדען מאמר קומט א ציפער. נאָך דעם ציפער א העברעאישער מספר. דער ציפער צייגט אויף וועלכער זייט דער מאמר געפינט זיך אין דיזען בוך. דער העברעאישער מספר צייגט אָן דעם פרק פון דער מסכת.

צום ביישפיעל: דער ערשטער מאמר פון מסכת ברכות ירושלמי איז בעצייכענט: "דער אידישער מאָרגענשטערן, 5, פרק א." מיינט עס אז דיזע מעשה'לע געפינט זיך אין דיזען בוך אויף זייטע 5, און אין ברכות ירושלמי, אין פרק א.

אין די אגדות פון ירושלמי ווערען אָנגעגעבען די פרקים אנשטאט די דפים, דאס איז ווייל דער תלמוד ירושלמי איז ניט געדרוקט אין אלע דרוקען מיט די זעלבע גרוים פון די דפים.

## ברכות


1. דער אידישער מאָרגענשטערן, 5, פרק א.
2. א חכם שטעהט העכער פון א נביא, 5, פרק ב.
3. דער מאַסקירטער שווינדלער, 6, ב. זעה פסיקתא רבתי.
4. פון א גוטע זאַך איז גוט צו ריידען, 7, ב.
5. דער פערלאָרענער משיח, 8, ב.
6. דער שעהנער גארטען, 9, ב.
7. דער מוסר השכל פון א פייגענבוים, 10, ב.
8. וועניג געלעבט אבער פיעל אויפגעטהאן 10, ב.

9. די אבשאצונג פון א צדיק, 11, ב.
10. די מאמע און די שטיפמאמע, 12, ב.
11. א שפאס טהוט אמאל וועה, 13, ב.
12. דער לץ קריגט זיין שטראף, 14, ב.
13. די שבועה פון א נביא, 15, ח.
14. נים צופיעל און נים צו וועניג, 15, ח.
15. געלד און תורה, 16, ז.
16. געלערנט העפליכקייט, 17, ח.
17. די בעשאפונג פון פייער, 18, ח.
18. א פערטיגע תשובה, 19, ח.
19. דעם מענשענ'ס בעסטער בעשיצער, 19, ט.
20. די זיכערסטע שטיצע, 19, ט.
21. דער קליינער וואנדערער, 21, ט.
22. אן אנדענקען, 21, ט.
23. אז מען לערנט נים פערגעסט מען, 22, ט.

## פאה

1. דער כבוד פון א מוטער, 23, פרק א.
2. פאר א גוטע עצה, 24, א.
3. אנערקענט נאכ'ן טויט, 25, א. כתובות בבלי, יז.
4. טייערער פון פערל, 25, א.
5. פערשטעלטע לשון הרע, 16, א.
6. בעהאלטענע לשון הרע, 26, א.
7. גוטע מלאכים האבען זיי געהיט, 27, ג.
8. די אמאליגע גערעטענים אין ארץ ישראל, 28, ג.
9. א ביישפיעל פון עהרליכקייט, 30, ז.
10. נים געוואלט קיין כבוד, 31, ח.
11. ווען דער שכר איז גרעסער, 31, ח.
12. דער לוין פון א כלל טהוער, 32, ח.
13. געמאכט צוריק פאר אן ארימאן, 32, ח.
14. דער יורד, 33, ח.
15. אן ארימאן מיט א ביימעל געלד, 33, ח.
16. גענומען פאר אנדערע, 34, ח.

17. צדקה מיט שכל, 34, ח.
18. אָרימע לייט אויף אַ וואָך, 35, ח.
19. כבוד צו בלינדע, 35, ח.
20. איינגעזונקענעם געלד, 37, ח.

## דמאי

1. ווען איינער פערלאָזט זיך אויפ'ן אַנדערען, 38, א.
2. צוריקגעגעבען כפל כפליים, 39, א.
3. בעשטראפט פאר ניט געבען מעשר, 39, א.
4. די מויז און דער פערל, 40, א.
5. דער ריינער געוויסען, 40, א.
6. זיך ניט געלאָזט איבערבעטען, 41, א.
7. זיך געהיט פון פרעמדעס, 42, ב.

## כלאים

1. די שווערע פראָבע, 43, ט.
2. רבי'ס רעספעקט פאר ר' חייא, 45, ט.
3. די גרויסקייט פון ר' חייא, 46, ט.
4. געשטאָרבען אין דער פרעמד, 47, ט.

## שביעית

1. וואס דער גוי איז אויסען געווען, 48, ד.
2. ליעבע צו דער חיים, 49, ט.

## תרומות

1. די הינט האָבען זיך אָבגערעכענט, 50, ח.
2. אידעלע נאַטורען, 51, ח.
3. דער טרייער הונט, 51, ח.
4. די טרייע הויז שלאַנג, 52, ח.
5. ער גיט אָב כבוד צום הונט, 52, ח.
6. דער יחיד פאר'ן כלל, 53, ח.
7. די שטראָף פון שונא ישראל, 54, ח.

8. דער אומגעריכטער נס, 55, ח.
9. די האַרץ הייגנט אַן בייטעל, 55, ח.
10. פון אַ פּאַסטוך אַ קעניג, 56, ח.

## מעשר שני

1. עס ווענדעט זיך אַן דער צייט, 58, ד.
2. ר' ישמעאל בר' יוסי איז פותר חלומות, 59, ד.
3. אַן אויסגעטראַכטער חלום, 60, ד.
4. די ווירקונג פון חלומות, 60, ד.
5. אַ חלום אויף איין פּוס, 60, ד.
6. שלעכטער חלום, סימן אויף גוטעס, 62, ד.

## בכורים

1. כבוד צו אַ שווינערפּאַטער, 63, ג.
2. א גרויסער קענער אבער אָהן מזל, 64, ג.

## שבת

1. ווען קינדער לערנען, 66, א.
2. ווען אַ מענש וואָלט געהאַט צוויי מיילער, 66, א.
3. קיינער קען זיך ניט אליין, 67, א.
4. זיך איינגעקויפט ביי דער מאַכט, 68, א.
5. ניט געפאָלגט די ווארנונג, 68, ב., בר"ר, פרק ז.
6. די תפלה פון א רבים, 68, ב.
7. ניט אַלע פרויען זיינען גלייך, 69, ו.
8. אַ קרבן פאַר'ן צדיק, 70, ו.
9. א גוט וואָרט איז א נבואה, 71, ו.
10. משנה מקום משנה מזל, 71, ו.
11. אַלץ ווי איינער גלויבט, 72, ו.
12. חכמה בעשיינט דעם פנים, 72, ח.
13. יחום און כבוד, 73, יב.
14. א נאָבעלער ביישפּיעל, 74, יד.
15. א צדיק'ס בטחון, 75, כב.

## עירובין

1. פירגעהאלטען א רבי, 76, ה.

## פסחים

1. תורה און מעשים טובים, 78, ג.
2. קארג פאר זיך ניט פאר צדקה, 78, ד., אסתר רבה, ב.
3. ניט צוליעב כבוד, 79, ו.

## יומא

1. דער שם המפורש, 81, ג.
2. אבגעשוואכט דעם יצר הרע, 82, ו.
3. קינדער דארפען ניט פאסטען, 83, ו.
4. אין דער מוטער'ס בויך, 83, ה., בבלי דף פב.

## ראש השנה

1. געבענשט מיט לאנגע יאהר, 84, ב.
2. אבגעליינט שופר בלאזען, 85, ד.

## סוכה

1. א בלבול אויף אידען, 86, ה.—זעה אנפאנג אסתר רבה.

## תענית

1. א רפואה צו שטאמלען, 89, א.
2. מענשען מיט א גרויסען זכות, 89, א.
3. גאט דער ארץ אפים, 92, ב.
4. א שותפותדיגער נאמען, 92, ב.
5. ניט אימער גילט דעם צדיק'ס זכות, 93, ג.
6. פאר דעם כבוד פון זיין רבי, 95, ג.
7. דער סוף פון א לץ, 95, ג.
8. מיט דעם כח פון דער תורה, 96, ג.

9. בן כוזבא דער העלד פון ביתר, 97, ד.
10. ביתר האט זיך געפרעהט אויפ'ן חורבן, 99, ד.

## חגיגה

1. די אמת'ע וועכטער, 101, א.
2. די וועלט שטעהט אויף לופט, 101, ב.
3. חושד געווען זיין רבי, 102, ב.

## מועד קטן

1. דער כבוד פון ארץ ישראל, 104, ג.
2. רבי בעשטראפט בר קפרא, 104, ג.
3. די שווערע שיידונג, 105, ג.
4. ווענען מען קען ניט אויסמיידען, 106, ג.

## יבמות

1. רבי'ס קעסט קינדער, 107, ד.

## סוטה

1. די וויכטיגקייט פון שלום בית, 109, א., ויק"ר פרשה ט'.
2. כבוד פאר כבוד, 111, א.

## כתובות

1. ר' יוסי הגלילי און זיין גרושה, 112, ז., בר"ר פרשה י"ז.

## נדרים

1. רייכקייט דויערט ניט אייביג, 115, ט.

## גטין

1. ר' דוסתאי'ס שרעק, 116, א.

## בבא קמא


1. געלערנט און פערגעסען, 118, א.
2. זיך פערהיט פון חשד, 118, י.


## בבא מציעא


1. צדקה בדרך כבוד, 119, ב.
2. דער אייזעל מיט'ן טייערען פערל, 119, ב.
3. עהרע דעם אידישען נאמען, 120.
4. אין רוים, געטהאן בעסער ווי די רוימער, 121, ב.
5. אלכסנדר מוקדון אין א פרעמד לאנד, 122, ב.
6. גנבים אין שוהל, 124, ב.


## בבא בתרא


1. זיך פערהיט פון השד, 125, ב.
2. פערלארען די גאנצע ירושה, 125, ח.


## סנהדרין


1. איינגע'רוגז'ט דעם נשיא, 127, ב.
2. רעספעקט פאר גרויסע לייט, 128, ב.
3. צדוק הדין, 129, ו.
4. זיך אבגערעכענט מיט'ן מכשף, 130, ז.
5. א מכשפה אין ליינזוימען, 131, ז.
6. קונצען פון מאגיקער, 133, ז.
7. דער טויט פון ישעיה הנביא, 134, יא.
8. די גרויסקייט פון תשובה, 134, יא.


## הוריות


1. דער שכר פון צדקה, 136, ג.
2. ער פלעגט אבנארען און געבען, 136, ג.

# אנמערקונג פון איבערזעצער

די אגדות פון תלמוד ירושלמי זיינען גאנץ ווייניג בעקאנט צווישען אידען, ווייל דער תלמוד ירושלמי ווערט זעהר ווייניג געלערנט אפילו פון לומדים. דארום איז צו האפען אז די אגדות פון דיזען דריטען טייל פון "אלע אגדות פון תלמוד", וועלען זיין א ווילקאמענע ערשיינונג ביי אלע קלאסען אידען.

דער איבערזעצער האט אויסגעלאזען יענע אגדות פון תלמוד ירושלמי וועלכע געפינען זיך אויך אין תלמוד בבלי און זיינען שוין איבערזעצט געווארען אין די ערשטע צוויי טיילען פון דיזער זאמלונג.

דערפאר, יענע אגדות וואס זיינען אין תלמוד ירושלמי בעסער איבערגעגעבען געווארען אלס אין תלמוד בבלי, זיינען אריינגעגעבען געווארען דא, אין זייער אייגענע היים.

די ארטאגראפיע פון געוויסע נעמען און פלעצער אין דיזען טייל פון "אלע אגדות פון תלמוד", האט דער איבערזעצער איבערגעגעבען אזוי ווי ער האט עס געפונען אין תלמוד ירושלמי, ניט מאכענדיג קיין שום ענדערונגען. ר' אליעזר ווערט אין ירושלמי גערופען ר' ליעזר, ר' אבא ווערט גערופען ר' בא, און אזוי ווייטער.

# מסכת ברכות

## 1

## דער אידישער מאָרגנשטערן

ר׳ חייא דער גרויסער און ר׳ שמעון בן חלפתא זיינען געגאנגען צוזאמען אין דעם טהאָל ארבל, אין א פריהמאָרגען, און אז דער מאָרגענשטערן האָט זיך דורכגעבראָכען א וועג דורך דער פינסטערנים פון דער נאכט און האָט בעלויכטען די ערד, האָט ר׳ חייא געזאָגט צו ר׳ שמעון: ״אָט אזוי איז די אידישע גאולה. פון אָנפאנג לייכט עס אויף ביסלעכווייז, אָבער וואָס ווייטער ווערט די ליכטיגקייט אַלץ גרעסער און גרעסער״.

## 2

## א חכם שטעהט העכער פון א נביא

די ווערטער פון די זקנים, די געלעהרטע, שטעהען העכער פון די רייד פון די נביאים. די תורה האָט אָנגעזאָגט אז ווען עס קומט א נביא זאָל מען איהם ניט גלויבען, סיי־דען ער צייגט פריהער א צייכען, אָדער א נס. אנדערש איז מיט דעם געלעהרטען, ווייל ער זאָגט נאָר דאָס וואָס ער

וויס און וואס ער האט געלערנט. איהם דארף מען דארום גלויבען אויפ'ן ווארט.

צו וואס זיינען א זקן און א נביא געגליכען? צו א מלך וואס האט ארויסגעשיקט צוויי בעאמטע אויף א שליחות אין א וויטער פראווינץ. אויף איינעם האט ער צו זיינע אונ־טערטאנען געשריבען: "אויב ער וועט אייך ניט ציינען מיינעם א שרייבען, מיט א זיגעל און מיט צייכענס, זאלט איהר איהם ניט גלויבען". וועגען דעם אנדערען האט ער געשריבען: "אפילו אויב ער ציינט אייך ניט מיינעם א שרייבען, מיט א זיגעל און מיט צייכענס, זאלט איהר איהם דאך גלויבען".

אט דאס איז דער אונטערשייד צווישען א נביא און א געלעהרטען.

## 3

# דער מאסקירטער שווינדלער

אין יענע צייטען פלעגט מען טראגען תפילין א גאנצען טאג. שפעטער האט מען דעם מנהג אבגעשאפט, און דאס איז צוליעב די שווינדלער. די מעשה איז אזוי געווען:

איינער א מאן איז געקומען פרייטאג אין א פרעמדער שטאדט, און אזוי ווי ער האט ביי זיך געהאט א היבשע סו־מע געלד, האט ער געזוכט א זיכערען מענשען ביי וועמען ער קען די געלד בעהאלטען איבער שבת. ווען עס איז שוין געווען באלד אווענד איז ער אריין אין א שוהל, האט ער דארט געזעהן איינעם שטעהן און תפלה טהאן מיט תפילין אויפ'ן קאפ. האט זיך דער אורח געטראכט: "איך דארף ניט קיין בעסערען בטוח ווי דיזען מענשען וואס טראגט אויפ'ן קאפ די מצוה פון זיין בעשעפער". האט ער ארויסגענומען זיין בייטעל געלד און האט דאס געגעבען צום מאן מיט די תפילין.

אבער שבת־צו־נאכט, ווען דער אורח איז געקומען אב־נעהמען זיין געלד האט דער מאן, וועמען ער האט געטרויט, געלייקענט שטיין און ביין. "ניט דיר האב איך געטרויט", האט דער אורח אויסגערופען מיט אויפרעגונג, "נאר דיין

בעשעפער״. און גלייך האָט דער אורח זיך אוועקגעשטעלט אין שוהל און האָט אזוי גע׳טענה׳ט צו גאָט: ״רבונו של עולם! איך האָב געטרויט נאָר דיין הייליגען נאָמען וואָס דער מאַן האָט געטראָגען אויף זיין קאָפּ. היינט ווי קענסטו צוזעהן אז איך זאָל זיין גענארט?״ און מיט א פערביטערטער הארץ איז ער איינגעשלאָפען אויף דעם זעלבען אָרט וואו ער האָט אזוי גע׳טענה׳ט.

איז אליהו הנביא געקומען צו איהם אין חלום און האָט געזאָגט:

״געה צו דער פרוי פון דעם שווינדלער און זאָג איהר אז איהר מאַן האָט געהייסען דיר צוריק אָבגעבען די בייטעל געלד וואָס ער האָט שבת געבראכט אהיים. גיב איהר א סימן אז שטילערהייד עסען זיי חמץ אום פסח און דבר אחר אום יום כפור, וועט זי דיר גלויבען״.

דער אורח האָט זיך גלייך אויפגעכאפּט. ער איז אוועק צו דער פרוי, און הערענדיג דעם סימן האָט זי איהם געגלויבט און האָט איהם אָבגעגעבען די געלד. ווען איהר מאַן איז געקומען און האָט זיך דערוואוסט אז זי האָט אָבגעגעבען די געלד האָט ער איהר גענומען שלאָגען.

״פאר וואָס קומט מיר שלאָגען?״ האָט די פרוי געפרעגט. ״ער האָט דאָך מיר געגעבען א סימן וואָס קיינער, אויסער אונזביידען, ווייס דערפון ניט״.

״אויב אזוי״, האָט דער מאַן געזאָגט, ״אויב די זאַך איז שוין בעוואוסט אז מיר עסען וואָס איז פערבאָטען, וועלען מיר זיך מעהר ניט בעהאלטען און טהאָן עפענטליך וואָס אונזער הארץ גלוסט״.

## 4

# פון א גוטע זאַך איז גוט צו ריידען

אין קיין דור זיינען געווען אזעלכע שפּאס טרייבער ווי אין דעם דור פון דוד המלך. וואָס פלעגען די פערשייטע יונגען פון יענער צייט טהאָן? זיי פלעגען געהן און זיך אוועקשטעלען ביי די פענסטער פון דוד׳ס פאלאסט און זיי פלעגען זאָגען: ״דוד! ווען וועט שוין דער אויבערשטער

בויען דעם בית חמקדש? ווען וועלען מיר שוין קענען געהן אין גאָט'ס הויז פון וועלכע דו זינגסט אָפט?" געמיינט האָבען זיי מיט איהם זיך צו רייצען, אָבער דוד המלך פלעגט ענטפערען: "כאָטש זיי מיינען מיך צו דערצאָרענען, דאָך, אָבוואָהל מיר איז נים בעשערט דעם בית המקדש צו בויען, פרעהט עס מיך אז איך הער ווי מען רעדט וועגען דעם".

## 5

# דער פערלאָרענער משיח

אמאָל איז געווען אזא מעשה. א איד האָט געאַקערט זיין פעלד. פלוצלונג האָט זיין אָקס אָנגעהויבען צו רעווען. איז גראָדע פערביינעגאַנגען אַן אראַבער וואָס פערשטעהט אָקסען שפּראַך און האָט געהערט דעם געשריי. זאָגט דער אראַבער צום אידען: "דו, איד איינער! מאַך פריי דיין אָקס, לאָז אָב דיין סאָכע. היינט איז תשעה באב".

גלייך ווי דער איד האָט דעם אָקס פריי געמאַכט, האָט דער אָקס ווידער אָנגעהויבען צו רעווען. זאָגט דער אראַבער: "דו איד, דו איד איינער! שפּאַן צוריק איין דיין אָקס און פיהר דיין סאָכע, וועיל אין היינטיגען טאָג דאַרף משיח געבאָרען ווערען".

"ווייסטו ניט ווי איז זיין נאָמען?" האָט דער איד געפרעגט.

"מנחם", האָט דער אראַבער געענטפערט.

"און ווי איז זיין פאָטער'ס נאָמען?"

"חזקיה".

"און פון וואַנען קומט ער?"

"פון בירת מלכא, אין דער פראָווינץ בית לחם".

האָט דער איד פערקויפט זיין אָקס און זיין סאָכע און איז געוואָרען א סוחר פון קינדערשע קליידלעך. ער איז געגאַנגען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, ביז ער איז אָנגעקומען אין בירת מלכא. זיינען געקומען די ווייבער פון דער שטאָדט און האָבען ביי איהם געקויפט, נאָר איין פרוי האָט ניט געקויפט. הערט דער סוחר ווי די ווייבער זאָגען צו דער פרוי: "דו מוטער פון מנחם! מוטער פון מנחם, קום און קויף עפּעס פאַר דיין זוהן". האָט די פרוי

גענומען שילטען: ״דערוואָרגען זאָלען ווערען מיינע שונאים, זעהט אין וואָס פאַר אַ מזל מיין זוהן איז געבאָרען געוואָרען — גראדע אין דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרב געוואָרען.״

האָט דער סוחר צו איהר געזאָגט: ״מיר האָבען אַ פערזיכערונג אַז אין דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרב געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג וועט ער צוריקגעבויט ווערען״.

״אָבער איך האָב קיין געלד פאַר וואָס צו קויפען״, האָט די פרוי געזאָגט.

״דאָס ארט מיך ניט״, האָט דער סוחר געענטפערט. ״דו נעהם די סחורה אָהן געלד, און אַז איך וועל קומען אין אַ טאָג אָדער צוויי וועסטו מיר דאַן בעצאָהלען״.

אַ פאאר טעג שפּעטער אַז דער סוחר איז געקומען און האָט געפרעגט ביי דער פרוי: ״וואו איז דיין קינד?״ האָט זי געענטפערט: ״פון דער צייט וואָס דו האָסט מיך געזעהען איז מיר אַ גרויסער אונגליק געשעהן. ניט גוטע האָבען מיין קינד ביי מיר פון די הענד אַרויסגעכאַפּט און ער איז מיט זיי פערשוואונדען געוואָרען״.

## 6.

## דער שעהנער גאָרטען

ווען ר׳ חייא בר אדא אַז געשטאָרבען האָט איהם זיין רבי, ריש לקיש, מספיד געווען, און ער האָט געזאָגט דעם משל:

אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ זוהן וועמען ער האָט זעהר ליעב געהאַט. וואָס האָט דער מלך געטהאָן? ער האָט פאַר דעם זוהן געפלאַנצט אַ שעהנעם גאָרטען. אין דער צייט וואָס דער זוהן פלעגט פאָלגען דעם טאַטען פלעגט דער מלך זוכען אין גאַנצען לאַנד, און וואו נאָר ער האָט געזעהן עפּעס אַ שעהנע פלאַנצונג פלעגט ער איהר נעהמען און איינפלאַנצען אין גאָרטען. אָבער ווען דער זוהן פלעגט איהם דערצאָרנען פלעגט דער מלך אויסהאַקען אַלע זיינע פלאַנצונגען. אַזוי איז אויך מיט אונז. אין דער צייט וואָס די אידען פאָלגען דעם וואָס זיצט אין זיין הויכען אָרט, זוכט ער איבער דער גאַנצער וועלט, און וואו נאָר ער זעהט אַן עהרליכען און אויפריכטיגען מענשען ביי די גוים ברייננט ער איהם און שליסט איהם אָן צו די אידען. אָבער ווען די

אידען פאלגען איהם נים נעהמט ער ביי זיי אוועק זייערע אייגענע צדיקים״.

## .7

## דער מוסר השכל פון א פייגענבוים

רבי עקיבא און זיינע חברים זיינען געזעסען אונטער א פייגענבוים און האבען געלערנט תורה. האבען זיי בעמערקט אז דער אייגענטהימער פון דעם פייגענבוים איז געקומען גאנץ פריה און שטעהט ביי דעם בוים. האבען זיי געזאגט צווישען זיך: ״אפשר איז ער אונז חושד אז מיר נעהמען זיינע פייגען, לאמיר געהן לערנען אויף אן אנדער ארט״.

אויף מארגען, אז זיי זיינען שוין געווען אויף זייער נייעם ארט, איז צו זיי געקומען דער אייגענטהימער פון דעם פייגענבוים און האט געזאגט:

״מיינע הערען! איין מצוה האט איהר געטהאן מיט מיר און דאס איז וואס איהר פלעגט זיצען און לערנען אונטער מיין פייגענבוים, און יעצט האט איהר די מצוה אויך אוועקגענומען פון מיר״.

״מיר האבען געמיינט אז דו ביזט אונז חושד דאס מיר עסען דיינע פייגען״, האבען זיי איהם ערקלערט, ״און דערפאר זיינען מיר אוועק״.

האט זיי דער מאן ערקלערט אז אום צו פערהיטען צייטיגע פייגען אז זיי זאלען ניט פערווערימט ווערען אויפ׳ן בוים, דארף מען זיי ארונטערנעהמען איידער די זון שיינט אויף, און דערפאר קומט ער פריהמארגענס צו היטען זיין בוים.

דאן האבען רבי עקיבא און זיינע חברים געזאגט: ״פון דעם איז צו לערנען אז דער אייגענטהימער פון א פייגענבוים ווייס די צייט ווען זיינע פייגען ארונטערצונעהמען, און אזוי ווייס דער אויבערשטער ווען ער דארף צונעהמען זיינע צדיקים פון דער וועלט״.

## 8

## ווענינ געלעבט אבער פיעל אויפגעטהאן

ווען רבי בון בר חייא איז איינגעשלאפען זיין אייביגען שלאף האט איהם רבי זעירא אזוי מספיד געווען:

״איך וועל אייך דערציילען א משל. א מלך האט גערונגען א גרויסע צאהל מענשען צו טהאן אן ארבייט פאר איהם. איז צווישען די ארבייטער געווען איינער וואס האט זיך מיט זיין ארבייט אויסגעצייכענט מעהר פון די אנדערע, און דערפאר איז ער דעם מלך זעהר געפעלען געווארען. וואס האט דער מלך געטהאן? ער האט גענומען דעם פעהיגען ארבייטער און האט מיט איהם שפאציערט און געשמועסט צוזאמען, אזוי ווי ער וואלט געווען זיין גלייכען. אין אווענד, ווען די ארבייטער זיינען געקומען צום קעניג נעהמען זייער לוין, האט דער פעהיגסטער פון זיי זיך אויך אוועקגעשטעלט צוגלייך מיט אלעמען און האט בעקומען פונקט אזוי פיעל געצאהלט ווי יעדער פון זיי. האבען די אנדערע ארבייטער נעפראטעסטירט: ״ס׳טייטש! בסך הכל האט ער היינט נעארבייט בלויז א פאר שטונדען, בעת מיר האבען געארבייט א גאנצען טאג, און געלד נעהמט ער גראדע אזוי פיעל ווי מיר. פאר וואס קומט דאס איהם?״ האט זיי דער קעניג נעענטפערט: ״אט דער איינער האט אין צוויי שטונדען אויפגעטהאן מעהר ווי ווער פון אייך אין א גאנצען טאג״. — אט אזוי איז מיט רבי בון בר חייא. ער האט געלעבט אויף דער וועלט בלויז א קורצע צייט, אבער ביז זיין אכט און צוואנציגסטען יאהר האט ער מעהר געלערנט ווי אן אנדערער פון די בעסטע תלמידים קען לערנען אין הונדערט יאהר.״

## 9

# די אפשאצונג פון א צדיק

ווען ר׳ לוי בר סיסי איז געשטארבען האט דער פאטער פון שמואל איהם אזוי מספיד געווען:

אמאל איז געווען א מלך און ער האט געהאט א גארטען און וועלכען עס זיינען געווען הונדערט ווינשטאקען. און דיזע הונדערט ווינשטאקען פלעגען יעדען יאהר ארויסגעבען הונדערט פעסער וויין. איינמאל איז דעם גארטען אן אונגליק געשעהן און עס זיינען פערבליבען בלויז פופציג ווינשטאקען, נאכדעם פערציג, נאכדעם דרייסיג, נאכדעם צוואנציג, נאכדעם צעהן, און צולעצט איז פערבליבען בלויז איינער, אבער דיזער איינציגער ווינשטאק פלעגט ארויסנעבען פון זיך די גאנצע צאהל פון הונדערט פעסער וויין. און דיזער ווינשטאק ביים קעניג געווען אזוי ליעב ווי דער

גאַנצער גאָרטען. אזוי איז ר׳ לוי בר סיסי געווען בע־ליעבט ביי גאָט ווי די גאַנצע מענשהייט, ווייל ער איז געווען איין איינציגער וואָס איז פערבליבען אויף דער וועלט פון א סך גרויסע צדיקים.

## 10

# די מאַמע און די שטיעפמאַמע

איינמאָל, אז רב כהנא איז געקומען אין ארץ ישראל פון בבל, האָט איהם בעגעגענט אין גאַס א רשע און האָט איהם אין שפּאַס געפרעגט: ״וואָס הערט זיך עפּעס אויף יענער וועלט?״

״מען זאָגט אז דו דאַרפסט שטאַרבען״, האָט רב כהנא געענטפערט.

און אזוי איז דאָס געשעהן. דער רשע איז גלייך גע־שטאָרבען.

שפּעטער האָט ער בעגעגענט א צווייטען. האָט איהם יענער אויך געפרעגט די זעלבע פראַגע: ״וואָס הערט זיך אויף יענער וועלט?״

״מען זאָגט אז דו דאַרפסט שטאַרבען״, האָט רב כהנא דעם אנדערען אויך אזוי געענטפערט.

איז דער אנדערער אויך געשטאָרבען.

רב כהנא׳ן האָט עס פערדראָסען, און ער האָט געזאָגט צו זיך: ״וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? איך בין געקומען אין ארץ ישראל אום צו פערדינען א מצוה, און עס שטאַרבען נאָר מענשען צוליעב מיר! ניין, איך וועל בעסער אוועקגעהן פון דאַנען״.

איז ער געגאַנגען צו רבי יוחנן און האָט איהם געפרעגט אזא פראַגע:

״א מענש וואָס האָט א מאַמע וואָס האָט איהם פיינד און בעליידיגט איהם, און א שטיעפמאַמע וואָס האָט איהם ליעב, צו וועמען זאָל ער בעסער געהן?״

״זאָל ער געהן צו דער וואָס האָט איהם ליעב״, האָט רבי יוחנן געענטפערט.

רב כהנא איז נאָך דיזען ענטפער צוריק אוועק קיין בבל.

זיינען מענשען געקומען צו רבי יוחנן און האָבען איהם דערצעהלט אז רב כהנא איז צוריק אוועק קיין בבל.

"ווי?" האָט רבי יוחנן אויסגעשריען. "ער האָט דאָך פריהער געדאַרפט נעהמען ביי מיר ערלויבנים".

"אָט די פראַגע וואָס ער האָט דיך געפרעגט און דער ענטפער וואָס דו האָסט איהם געגעבען איז די ערלויבנים", האָבען די מענשען ערקלערט.

די מאַמע איז אַ משל צו ארץ ישראל. די שטיעפמאַמע איז געמיינט בבל.

## 11

## אַ שפּאַס טהוט אַמאָל וועה

ווען רבי זעירא איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל איז ער אריין קויפען אַ פונט פלייש ביי אַ קצב, פרעגט ער דעם קצב: "וואָס קאָסט דער פונט פלייש?" ענטפערט דער קצב: "פופציג מנה און אַ פּאַטש". זאָגט רבי זעירא צו איהם: "איך וועל דיר געבען זעכציג מנה, אָבער אָהן אַ פּאַטש". האָט דער קצב ניט געוואָלט. האָט ער איהם גע־באָטען אַכציג, ניינציג און הונדערט, אָבער דער קצב האָט דורכאויס געוואָלט אז רבי זעירא זאָל זיך לאָזען געבען אַ פּאַטש.

"נו", האָט רבי זעירא געזאָגט, "אויב אַזוי איז ביי אייך די מאָדע וועל איך זיך שוין ניט שטעלען דאַגעגען. גיב מיר דעם פּאַטש".

אין אָוונד איז רבי זעירא אריין אין אַ בית המדרש, וואו עס פלעגען זיך פערזאַמלען די שטאָדט־לייט, און ער האָט זיי געפרעגט: "וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ מיאוס'ע מאָדע, דאָס אַ מענש קען ניט עסען אַ שטיקעל פלייש סיידען ער לאָזט זיך פּאַטשען?"

"וואָס זאָגסטו? וואָס איז געשעהן?" האָבען די שטאָדט־לייט געפרעגט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען זיינע רייד.

האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. זיי האָבען גלייך געשיקט נאָך דעם קצב, זיינען די שלוחים צוריקגע־קומען און געזאָגט אז ער איז שוין טויט.

"אזוי שווער האָסטו איהם בעשטראָפט?" האָבען די שטאָדט־לייט געפרעגט ביי ר' זעירא. (זיי האָבען געמיינט אז צוליעב זיין כעס איז דער קצב בעשטראָפט געוואָרען פון הימעל מיט'ן טויט.)

"איך שווער אייך", האָט ר' זעירא אויסגערופען, "אז איך בין גאָר ניט געוועזן בייז אויף איהם. דען איך האָב טאַקע געמיינט אז ביי אייך איז אזא מאָדע, דאָס אָהן פעטש קריגט מען גאָרנישט צו עסען".

## 12

## דער לץ קריגט זיין שטראָף

אז רבי יסא איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל, האָט ער זיך אָבגעשאָרען די האאר און נאכדעם איז ער אוועק זיך באָדען אין די קוואַל וואסערען פון טבריה. האָט איהם בעגעגענט א לץ און האָט איהם אין שפאס דערלאנגט א זעץ אין רוקען. ר' יסא האָט איהם אָנגעקוקט און גע־זאָגט: "דיין האַלזטוך איז א ביסעל צו לויז, מען האָט עס געדאַרפט פערקניפּען א ביסעל שטייפער". דאָס מיינט: מען דאַרף דיך הייננגען. שפּעטער איז דער לץ אריין אין א געריכטס־הויז וואו א ריכטער האָט גע'משפט א מענשען פאר גזלה. דער לץ האָט זיך אָבגעשטעלט, בעטראכט וואָס דאָ קומט פאָר און געשמייכעלט.

"זאָג מיר", האָט דער ריכטער געפרעגט ביי דעם גזלן, "האָסטו אליין בעגאנגען די גזלה, אָדער דו האָסט געהאַט א מיטהעלפער?"

דער גזלן האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט געזעהן ווי איינער שטעהט און לאכט פון איהם. האָט ער, צייגענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן לץ, געזאָגט צום ריכטער: "אָט יענער איז געוועזן מיין מיטהעלפער אין דעם פערברע־כען."

דער ריכטער האָט זיך גענומען צום לץ, איהם געבונדען, ביז ער האָט זיך מודה געווען אז ער האָט אמאָל גע'הרג'עט א מענשען צוליעב רויב. איז ער פער'משפט געוואָרען גע־האנגען צו ווערען מיט דעם אנדער גזלן.

דער מנהג איז דאַן געווען, אז די פער'משפט'ע פלעגען אליין מוזען טראָגען די תליות אויף וועלכע מען פלעגט זיי

הײנגען. און װי די צװײ זײנען געגאנגען מיט זײערע תליות איז אָנגעקומען רבי יסא. דער ליץ האָט איהם דערקענט און געזאָגט: ״מײן האלזטוך װעט מען באלד פערבינדען גאנץ שטײף, אזוי װי דו האָסט געזאָגט״.

## 13

## די שבועה פון א נביא

אחאָב איז געװען א שלעכטער מלך און א זינדיגער. אײנמאָל, װען אליהו התשבי איז אויף איהם בײז געװאָרען, האָט דער נביא געשװאָרען דאָס פּאר פיעלע יאָהרען װעט אין לאנד ניט זײן קײן טהוי און קײן רעגען. גאָט האָט געמוזט פאָלגען די שבועה פון דעם נביא, אָבער עס האָט איהם פערדראָסען װאָס דער נביא האָט געבראכט הונגער אויף א גאנצען לאנד צוליעב די זינד פון אײן מענשען.

א צײט שפּעטער, װען אליהו האָט פון גאָט געבעטען, אז ער זאָל טהאָן א נס און לעבעדיג מאכען א טויט קינד, האָט גאָט איהם געענטפערט: ״דו לאָז מיך געבען טהוי און רעגען, װעל איך לעבעדיג מאכען דעם טויטען קינד״.

ר׳ יונה גיט אויף דעם משל. אימיצער האָט צוגע׳גנב־עט בײ א דאָקטאָר זײן קעסטעלע מיט רפואות. װי נאָר דער גנב איז ארױס פון דאָקטאָר׳ס הויז האָט ער געטראָפען זײן זוהן א פערװאונדעטען. איז דער גנב געקומען צום דאָק־טאָר און האָט געזאָגט: ״מײן האר דאָקטאָר! הײל מיר מײן זוהן!״ האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט: ״גיב אום ברײנג מיר צוריק מײן קעסטעלע מיט די רפואות, װעל איך קענען הײלען דײן זוהן״. אזוי האָט דער אױבערשטער געזאָגט צו אליהו הנביא: ״דו לאָז אומקעהרען טהוי און רע־גען װאָס האלט אויף מענשען בײם לעבען, װעל איך לעבע־דיג מאכען דעם טויטען קינד״.

## 14

## ניט צו פיעל און ניט צו װעניג

רבי יהושע פון דרום ארץ ישראל האָט אזוי געזאָגט: עס זײנען דאָ דרײ זאכען װאָס זײנען ניט גוט װען זײ

זיינען צופיעל אָדער צו ווייניג, אָבער זיי זיינען יאָ גוט אין א מיטעלער מאאס. דאָס זיינען: זויער־טויג, זאלץ און דער לאָזען זיך בעטען.

דער וואָס לאָזט זיך בעטען איז אזוי: צוערשט זאָגט ער, ניין. ביי דער צווייטער איינלאדונג שטאמעלט ער אונטער. און ביי דער דריטער איינלאדונג לויפט ער אנט־קעגען.

רבי חונה איז איינמאָל געזעסען אין א שוהל. האָט ער געזעהן ווי דער שמש איז צוגעשטאנען צו איינעם אז ער זאָל דאווענען פאר׳ן עמוד, אָבער יענער האָט זיך ענטזאגט. נאָכ׳ן דאווענען איז דער וואָס האָט זיך געלאָזט בעטען צוגע־גאנגען צו ר׳ אלעזר, וועלכער איז אויך געווען אין דער שוהל, און האָט געזאָגט: "דער רבי זאָל אויף מיר ניט זיין בייז דערפאר וואָס איך האָב זיך געלאָזט בעטען. איך בין ניט אויסגעשלאָפען, און דערפאר האָב איך ניט געוואָלט דאווע־נען פאר׳ן עמוד."

"ניט אויף דיר בין איך בייז געווען", האָט ר׳ אלעזר געענטפערט, "נאָר אויף דעם שמש וואָס איז צו דיר אזוי צוגעשטאנען".

## 15

## געלד און תורה

דריי הונדערט נזירים זיינען איינמאָל געקומען אין ירושלים צו ברייגנען קרבנות פאר זיך, ווי דער דין איז גע־ווען. פאר הונדערט און פופציג פון זיי האָט רבי שמעון בן שטח געפונען אן אויסוועג און האָט זיי בעפרייט פון בריינ־גען קרבנות. פאר די אנדערע הונדערט און פופציג האָט ער קיין אויסוועג ניט געפונען. איז ער אוועק צו ינאי המלך און האָט צו איהם געזאָגט: "עס זיינען דאָ יעצט דריי הונדערט נזירים און זיי דארפען האָבען ניין הונדערט קרבנות, ווייל יעדער נזיר דארף ברייגנען דריי קרבנות. און אזוי ווי זיי זיינען אָרים, גיב דו איין העלפט און איך וועל געבען די אנדער העלפט".

האָט ינאי המלך געשיקט פיער הונדערט און פופציג

קרבנות, מיינענדיג אז שמעון בן שטח, וועלכער איז געווען זיין שוואָגער, האָט אויך געשיינקט די זעלבע צאָהל קרבנות.

בייזע צינגער האָבען אָבער אָבגעטראָגען דעם מלך, אז שמעון בן שטח האָט גאָרנישט געגעבען פון דאָס זייניגע. ווען ינאי האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרען שטארק בייז. שמעון בן שטח איז אנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען.

א צייט שפּעטער זיינען געקומען צוגאַסט גרויסע שררות, געזאַנדטע פון פּערזישען קעניג. בעת זיי זיינען געזעסען ביי ינאַי המלך'ס טיש האָבען זיי געזאָגט: "מיר גדענקען אז דאָ איז געווען אַן אַלטער מאַן וואָס פלעגט זאָגען זעהר קלוגע זאַכען". האָט זיי ינאַי המלך דערצעהלט די גאַנצע מעשה, וואַרום שמעון בן שטח האָט געמוזט אנטלויפען. האָבען די געזאַנדטע געזאָגט: "שיק נאָך איהם און לאָז ער קומען אַהער. מיר ווילען הערען זיינע קלוגע רייד". ינאַי המלך האָט געשיקט נאָך שמעון בן שטח און האָט איהם געגעבען א וואָרט אז ער וועט איהם ניט טהאָן קיין בייז. שמעון בן שטח איז געקומען און האָט זיך אוועקגעזעצט צווישען דעם קעניג און די קעניגין.

"זאָג מיר", האָט איהם ינאַי המלך געפרעגט, "פאַר וואָס האָסטו פון מיר חוזק געמאַכט? האָסט געזאָגט אז איך זאָל געבען די העלפט קרבנות און דו וועסט געבען די אַנדער העלפט, און לסוף האָט זיך אַרויסגעצייגט אז מעהר ווי מיין העלפט האָסטו ניט געדאַרפט".

"איך האָב אויך געגעבען מיין העלפט", האָט שמעון בן שטח געענטפערט. "דו האָסט דיין העלפט בעצאָהלט פון דיין פערמעגען, דאָס איז געלד, און איך האָב בעצאָהלט פון מיין פערמעגען, עס הייסט מיט תורה, ווייל דורך מיין קענען די תורה האָב איך אויסגעפונען א וועג צו בעפרייען הונדערט און פופציג נזירים פון קרבנות".

## 16
## געלערנט העפליכקייט

אבא בר בר־חנה און רב הונא זיינען געזעסען און געגעסען, און ר' זעירא איז געשטאַנען און האָט זיי בעדיענט. ביים עסען האָט ער דערלאַנגט א גלאָז וויין און א גלאָז זיסען אויל מיט דער זעלבער האַנד. זאָגט צו איהם אבא בר בר־

חנה: "וואָס טראָגסטו אין דער אנדער האַנד?" (ער האָט געמיינט צו זאָגען אז ער האָט דעם בעכער ווייַן געדאַרפט דערלאַנגען מיט איין האַנד און דעם בעכער אויל מיט דער אנדערער). אבוי וועלכער איז דערביי געזעסען האָט עס פערדראָסען, און ער האָט זיך אָבערופען צו אבא בר בר־חנה: "ניט גענוג וואָס דו זיצסט ווי א שרת און דו לאָזט דיך בעדיענען פון איהם, בעגעהסטו נאָך א גרויסע זינד מיט דעם וואָס דו בעליידיגסט א כהן. ער דאַרף זיצען בהרחבה און דו דאַרפסט איהם בעדיענען!"

# 17

## די בעשאַפונג פון פייער

ר׳ לוי זאָגט אין נאָמען פון רבי נזירא:

דאָס ליכט וואָס גאָט האָט בעשאַפען אין דעם ערשטען טאָג איז געווען אזוי שטאַרק דאָס אדם האָט מיט דעם געקענט זעהן פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערען. ווען אָדם איז אויף דער וועלט געקומען האָט דאָס ליכט געלויכטען זעקס און דרייסיג שטונדען כסדר, צוועלף שטונדען ערב שבת, צוועלף די נאַכט פון שבת, און צוועלף שבת בייטאָג. זעהענדיג אז דאָס לייכט און הערט גאָר ניט אויף האָט די גאַנצע וועלט אויסגעבראָכען אין א פרעהליכען געזאַנג. אָבער ווי דער שבת איז אַוועק האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער, האָט אדם זיך געשראָקען. אָט יעצט, האָט ער געזאָגט צו זיך, וועט קומען דער בייזער שלאַנג און מיך בייסען.

גראַדע אין דעם מאָמענט האָט איהם גאָט צוגעשיקט צוויי שטיינער. אדם האָט געקלאַפט איין שטיין אָן דעם אנדערען ביז עס איז פון דעם ארויס פייער. האָט ער גלייך געמאַכט א ברכה "בורא מאורי האש".

שמואל האָט געזאָגט: דערפאַר מאַכט מען די ברכה אויף פייער יעדען מוצאי שבת, ווייל אין דער צייט איז פייער בעשאַפען געוואָרען.

## 18

# א פערטיגע תשובה

א גוי האט איינמאל בעגעגענט רבי ישמעאל'ן, האט דער גוי איהם בעגריסט. "דיין ענטפער איז שוין געזאגט געוואָרען", האט רבי ישמעאל געענטפערט. א ביסעל שפעטער האט איהם בעגעגענט נאך א גוי און דיזער גוי האט איהם געשאָלטען. "דיין ענטפער איז שוין געזאגט געוואָרען", האט איהם רבי ישמעאל געענטפערט, אזוי ווי דעם ערשטען.

האבען די תלמידים וואס זיינען געגאנגען מיט רבי ישמעאל'ן געפרעגט: "רבי! דעם וואס האט דיך געשאָלטען האסטו געענטפערט די זעלבע זאך ווי דעם וואס האט דיך געבענשט. ווי שיקט זיך דאס?"

"איך האב געמיינט דאס וואס שטעהט אין פסוק, 'די וואס שילטען דיך זאָלען זיין פערשטאָלטען און די וואס בענשען דיך זאָלען זיין געבענשט', אט דאס איז דער פערטיגער ענטפער", האט רבי ישמעאל ערקלערט.

## 19

# דעם מענשענ'ס בעסטער בעשיצער

ר' יודן האט אזוי געזאגט:

למשל, א מענש האט א בעל טובה וואס בעשיצט איהם. איז ווען דעם מענשען טרעפט עפעס אן אונגליק און ער דארף געהן צום בעל טובה, געהט ער ניט אריין גלייך צו איהם אין הויז, נאר ער שטעלט זיך אוועק ביי דעם טויער פון דעם בעל־טובה'ס הויז און בעט א דיענער אז ער זאל מעלדען וועגען איהם צום בעל הבית. און ער אליין בלייבט שטעהן און ווארט, און איז אין ספק, אפשר וועט דער בעל טובה איהם וועלען זעהן, און אפשר ניט. אבער מיט דעם אויבערשטען איז ניט אזוי. אויב עס קומט אויף א מענשען אן אונגליק, דארף ער זיך ניט לאָזען מעלדען דורך א מלאך, דורך מיכאל, אדער דורך גבריאל, נאר ער רופט צו איהם אליין אין הימעל און ער קריגט אן ענטפער.

רבי שמעון בן לקיש גיט אויף דעם אן אנדער משל:

ווען א מענש האָט א קרוב, איז אויב דער קרוב איז רייך קען ער איהם, אָבער אויב ער איז אָרים וויל ער פון איהם ניט וויסען. אָבער דער אויבערשטער איז ניט אזוי. ווען אידען זיינען אפילו אויפ'ן נידעריגסטען שטאַפּעל רופט ער זיי "אחי ורעי" — מיינע ברידער און פריינד.

# 20

# די זיכערסטע שטיצע

ר' פנחס דערצעהלט:

איינמאָל איז מיט רב'ן פאָרגעקומען אזא געשיכטע. רב איז געגאַנגען פון חמתא דטבריא. האָבען איחם אין וועג בעגעגענט איינינע רוימער. "ווער און וועמעס ביזטו?" האָבען זיי איהם געפרעגט. "איך געהער צו אספּסיינוס'עס מענשען". האָבען די רוימער איהם צורוה געלאָזען. אין אווענד, אז די רוימער זיינען געקומען צו אספּסיינוס, האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "ווי לאַנג וועסטו האַלטען די אידען אונטער דיין שוץ?" האָט דער הערשער זיי געפרעגט: "גע־ען וואָס פרעגט איהר מיך אזא פראַגע?" האָבען זיי איהם דערצעהלט: "מיר האָבען בעגעגענט אין וועג א אידען, און אז מיר האָבען איהם געפרעגט ווער ער איז און צו וועמען ער געהערט, האָט ער געענטפערט אז ער איז פון דיינע מענשען".

"און וואָס האָט איהר איהם געטהאָן?" האָט דער הערשער געפרעגט.

"עס איז גענוג פאַר איהם אז מיר האָבען איהם געלאָזט געהן", האָבען די רוימער געענטפערט.

"איהר האָט גוט געטהאָן", האָט אספּסיינוס געזאָגט.

פון דעם קען מען לערנען א מוסר. מה דאָך אז איינער האָט זיך בעשיצט מיט דעם נאָמען פון א מענשען איז ער גערעטעט געוואָרען, היינט ווי זיכער איז שוין דער מענש וואָס חיינגט אָן זיין בטחון אין גאָט.

## 21

# אן אנדענקען

אליהו האָט געפרעגט ביי רבי נהוריי: "צו וואָס האָט דער אייבערשטער בעשאפען שקצים און רמשים און אלע מיאוס'ע בעשעפעניסען אין זיין שעהנער וועלט?"

"זיי זיינען בעשאפען געוואָרען צוליעב א צוועק", האָט רבי נהוריי געענטפערט, "ווען די מענשען פערזינדיגען זיך, גיט דער אויבערשטער א קוק אויף די שקצים און רמשים און זאָגט: מה דאָך די וואָס די וועלט האָט פון זיי קיין נוצען און איך לאָז זיי לעבען, דארף איך דאָך די מענשען, וואָס ברייגגען יא נוצען, אודאי לאָזען לעבען".

## 22

# דער קליינער וואנדערער

רבי תנחומא דערצעהלט:

אמאָל איז א שיף מיט גוים געגאנגען איבער דעם גרויסען ים, און אויף דער שיף האָט זיך געפונען א קליינער אידישער איינגעלע. אין מיטען דער רייזע האָט אויסגעבראָכען א גרויסער שטורם, האָט יעדער גוי גענומען זיין געטשקע אין האנד און האָט צו דעם געבעטען און געשריען, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפען, דער ים איז ניט שטילער געוואָרען. זעהענדיג, אז זייערע געטשקעס קענען ניט העלפען, האָבען זיי געזאָגט צום אידישען איינגעלע: "זוהנינקע שטעה אויף און בעט ביי דיין גאָט, דען מיר האָבען געהערט, אז ער ענטפערט אייך יעדען מאָל וואָס איהר שרייט צו איהם, און אז ער איז שטארק און מעכטיג". גלייך האָט זיך דער איינגעל אויפגעשטעלט און האָט געשריען און געשריען און געבעטען מיט'ן גאנצען הארצען. גאָט האָט זיין תפלה אָנגענומען און האָט דעם ים איינגעשטילט.

ווען די שיף האָט זיך אָבגעשטעלט ביים האפען, איז יעדער פון די פאסאזשירען ארונטער זיך איינקויפען זאַכען. נאָר דער אידישער איינגעל איז פערבליבען אויף דער שיף און איז ניט ארונטער. האָבען זיינע מיטרייזענדע גע־

פרעגט: ״דו ווילסט גאָר ניט קויפען?״ האָט ער צו זיי געזאָגט: ״וואָס ווילט איהר פון מיר? איך בין ניט מעהר ווי אן אָרימער וואַנדרער!״

״וואָס?״ האָבען זיי געזאָגט צו איהם, ״דו ביזט אן אָרימער וואַנדרער? ניין, מיר זיינען די אָרימע וואַנדרער. אָט זיינען מיר דאָ און אונזערע געטשקעס זיינען אין בבל. אנדערע פון אונז זיינען דאָ און זייערע געטשקעס זיינען אין פרס. און אפילו די וואָס זיינען דאָ און האָבען זייערע געטשקעס מיט זיך, האָבען אויך קיין נוצען פון זיי. אָבער דו, וואו נאָר דו קומסט, איז דיין גאָט מיט דיר, און וואו נאָר דו רופסט איהם ענטפערט ער דיר״.

# 23

## אז מען לערענט ניט, פערגעסט מען

רבי שמעון בן לקיש האָט אזוי געזאָגט:

איך האָב געזעהן אין א ספר, אז דער וואָס פערפעהלט לערנען תורה איין טאָג, פערגעסט ער וואָס ער האָט געלערענט אין צוויי טעג.

און ער האָט געגעבען אויף דעם א משל:

צוויי מענשען זיינען געגאנגען אין וועג. איינער איז געגאנגען פון איין שטאָדט, דער צווייטער פון אן אנדער שטאָדט. האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען אין אן אכסניא. נאכדעם האָבען זיי זיך צושיידט. איינער איז אוועק אין איין וועג, דער צווייטער אין אנדער וועג. ווען יעדער איינער פון זיי איז אבגעגאנגען בלויז איין מייל, זיינען זיי געווען ווייט איינע פון די אנדערע שוין צוויי מייל.

און נאָך א משל איז דאָ אויף דעם:

א מיידעל האָט געליעבט א בחור פאַר א לאַנגע צייט, און זי האָט געוואַרט ביז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען. אזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך געדענקט מיט איהר חתונה צו האָבען, איז זי געזעסען און געוואַרט אויף איהם. אָבער גלייך ווי ער האָט זיך פון איהר אָבגעשיידט און האָט חתונה געהאַט מיט אן אנדער מיידעל, האָט זי חתונה געהאַט מיט אן אנדער בחור. און אזוי האָבען זיך די אמאָליגע הייס־געליעבטע זיך דערווייטערט איינער פון אנדערען אויף אימער.

# מסכת פאה

## ו

## דער כבוד פון א מוטער

איינמאָל איז רבי טרפון קראַנק געוואָרען און די חכמים זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין. האָט רבי טרפון'ס מוטער צו זיי געזאָגט: "רבותי, בעט גאָט פאַר מיין זוהן, ווייל ער האָט מיר אָבגעגעבען אַ סך כבוד, נאָך מעהר ווי אַ זוהן דאַרף אָבגעבען אַ מוטער".

"וואָס ער האָט געטהאָן?" האָבען די חכמים געפרעגט.

האָט זי זיי דערצעהלט, דאָס ווען זי איז איינמאָל גע־גאַנגען אין הויף שבת און עס האָט זיך צוריסען איהר פאַנטאָפעל, האָט ער אונטערגעליינט זיינעביידע הענד אונ־טער איהרע פיס און זי איז אויף זיינע הענד געגאַנגען ביז זי איז געקומען צו איהר בעט. האָבען די חכמים געזאָגט:

"ווען אפילו ער זאָל דיר אָבגעגעבען אַ מיליאָן מאָל אַזוי פיעל כבוד, וואָלט ער נאָך אַלץ ניט ערדייכט דעם כבוד וואָס די תורה האָט געהייסען מען זאָל אָבגעבען צו עלטערען".

די מוטער פון רבי ישמעאל איז איינמאָל געקומען און האָט איהם פערקלאָגט פאַר די אידישע לעהרער, און זי האָט צו זיי געזאָגט: "שרייט אָן אויף ישמעאל מיין זוהן, ער גיט מיר ניט אָב נענוג כבוד". ווען די לעהרער האָבען דאָס געהערט, זיינען זייערע פנים'ער שטאַרק רויט געוואָרען, און זיי האָבען פערשעהמט געדעדט צווישען זיך, איז דאָס מעגליך אז ר' ישמעאל זאל ניט אבגעבען כבוד א מוטער?

נאכדעם האָבען זיי געפרעגט זיין מוטער: ״זאָג אונז, וואָס האָט ער דיר געטהאָן?״ האָט זי דערצעהלט אזוי: ״ווען ער קומט אהיים פון בית המדרש, וויל איך וואשען זיינע פיס און טרינקען די וואסער, אָבער ער לאָזט מיך ניט״. האָבען די לעהרער געזאָגט צו רבי ישמעאל: ״אזוי ווי דאָס איז דער ווילען פון דיין מוטער, איז דאָס אויך איהר כבוד, און דו מוזט איהר פאָלגען״.

רבי זעירא פלעגט אימער האָבען פערדרוס און פלעגט זאָגען: ״הלואי וואָלט איך געהאט א פאָטער מיט א מו־טער, כדי איך זאָל זיי קענען געבען כבוד און האָבען גן ערן.״ אָבער נאכדעם ווי ער האָט געהערט די צוויי געשיכטען וועגען רבי טרפון און וועגען רבי ישמעאל, האָט ער געזאָגט:

״געבענשט זאָל זיין דער אויבערשטער, וואָס איך האָב ניט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער, ווייל ניט ווי רבי טרפון וואָלט איך געקענט טהאָן און ניט איך וואָלט אויף זיך אָנגענומען צו טהאָן וואָס רבי ישמעאל האָט גע־מוזט טהאָן״.

## .2

## פאַר א גוטע עצה

איינמאָל זיינען רבי יונתן און רבי ינאי געזעסען צוזאמען. איז אריינגעקומען א מאן און האט זיך איינגע־בויגען צו דער ערד און האָט געקוסט ר׳ יונתנ׳ס פיס. ״וואָס פאַר א גוטעס האָסטו איהם געטהאָן, וואָס ער קוסט דיינע פיס?״ האָט רבי ינאי געפרעגט. האָט ר׳ יוחנן געענטפערט:

״מיט א צייט צוריק איז דער מאן געקומען צו מיר און האָט זיך בעקלאגט אויף זיין זוהן, אז ער גיט איהם ניט אויף צו לעבען. האָב איך דעם פאָטער אן עצה געגעבען, אז ער זאָל געהן אין בית המדרש און מאכען גוואלדען גע־גען זיין זוהן פאר׳ן גאנצען עולם, כדי דער זוהן זאָל זיך שעהמען. מיין עצה האָט געהאָלפען, און דערפאר איז דער פאָטער מיר אזוי דאנקבאר״.

## 3

# אנערקענט נאָר'ן טויט

ר' שמואל בר רב יצחק האָט שטאַרק געהאַלטען פון דער מצוה משמח צו זיין חתן כלה. אויף אַ חתונה פלעגט ער נעהמען אַ צווייגעל פון אַ הדס און פלעגט מיט דעם טאַנ־צען פאַר דער כלה. איינמאָל האָט איהם רבי זירא געזעהן אַזוי טאַנצען, האָט זיך ר' זירא פערשעהמט און בעהאַלטען, זאָגענדיג: "זעהט ווי דער אַלטער פיהרט זיך אויף. עס איז דאָך פשוט אַ שרעק!"

ווען ר' שמואל איז געשטאָרבען, האָט דריי שטונדען כסדר געדונערט און געבליצט און אַ בת קול פון הימעל האָט אויסגערופען: "געשטאָרבען איז ר' שמואל בר רב יצחק! געהט און טיילט איהם די לעצטע עהרע, ווי ער פערדיענט!" און ווען דער עולם איז געקומען צו זיין לויה, איז אַרונטער אַ פייער פון הימעל, אין דער פאָרמע פון אַ מירטהענצווייג, אַ צווייג פון אַ הדס, און האָט זיך אוועק־געשטעלט צווישען די מטה פון דעם נפטר און דעם גרוי־סען עולם. און דאַן האָבען אַלע געזאָגט, אַז די גרויסע עהרע וואָס מען האָט ר' שמואל'ן בעוויזען פון הימעל איז דאָס צוליעב דעם וואָס ער האָט משמח חתן כלה געווען מיט אַ צווייגעל פון אַ הדס.

## 4

# טייערע פון פערל

אַ גרויסער שרה מיט'ן נאָמען ארטבן האָט געשיקט צו רבינו הקדוש (רבי יהודה הנשיא) אַ טייערען פערל, וואָס איז געווען כמעט אונמעגליך אָבצושאַצען זיין גרויסען ווערטה. און דורך דעם שליח האָט ער אָנגעזאָגט צום נשיא: "שיק מיר אַ שעהנע מתנה וואָס זאָל האָבען אַ עהנליכען ווערטה". נעהמט רבי און שיקט איהם אריין אַ מזוזה. קומט אָן פון ארטבן אַן אנפראַגע: "וואָס איז דאָס? איך האָב דיר געשיקט אַ זאַך פון אונשעצבאַרען ווערטה, נעהמסטו און שיקסט מיר דערפאַר אַ זאַך וואָס איז ווערטה אַ פולר, אַ פלייגע מטבע!"

דאריף האָט איהם רבי געענטפערט: "דיין פערמעגען מיט מיין פערמעגען צוזאמען קען מען נאָך ניט פערגלייכען מיט דעם ווערטה פון דער מזוזה. דו האָסט מיר געשיקט א זאך וואָס איך דארף היטען, און איך האָב דיר געשיקט א זאך, וואָס היט דיך, אפילו אין שלאָף וועט עס דיך אָבהיטען"

## 5

## פערשטעלטע לשון הרע

לשון הרע איז דאָ אָפענע און עס איז דאָ אויך פערשטעלטע.

אין א מארק פון ליינוואנד הענדלער האָבען זיך איינמאָל פערזאמעלט רעקרוטען, וועלכע האָבען געדארפט געהן דיענען דעם מלך. איז דאָרט געווען איינער מיט'ן נאָמען חובי׳ן און ער האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען פון דיענסט. איז ער צו דער פערזאמלונג ניט געקומען. האָבען אייניגע מענשען פון די פערזאמעלטע א פרעג געטהאָן: "וואָס וועלען מיר היינט עסען צו מיטאג?" האָט איינער זיך אָבגערופען: "היינט וועלען מיר עסען חובי׳ן!" (קעז).

פון דעם וואָרט חובי׳ן—קעז, האָט מען זיך דערמאָנט אויף חובי׳ן דעם מענשען, וואָס איז ניט געקומען ארבייטען פאר'ן מלך. האָבען דעם מלך'ס בעאמטע געפאָדערט: "זאָל חובי׳ן אויך קומען טהאָן זיין ארבייט!"

ווען ר' יוחנן האָט געהערט פון דער געשיכטע, האָט ער געזאָגט: "דאָס איז געווען א פערשטעלטע לשון הרע".

## 6

## בעהאַלטענע לשון הרע

צפורי איז געווען א שטאָדט פון גרויס געלעהרטע, חכמים און בעלי עצה. איינמאָל האבען זיי געהאט א פערזאמלונגס טאָג אין וועלכען אלע זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו טהאָן ארבייט פאר'ן קעניג. האט זיך דארט געפונען איינער א מאן מיט'ן נאָמען יוחנן וועלכער האט זיך געוואָלט אויסדרעהען פון דער ארבייט און ער איז ניט געקומען. האט איינער פון די פערזאמעלטע א זאָג געטהאָן צום אנדערן:

"ווֶעלען מיר דען היינט ניט געהן מבקר חולה זיין ר' יוחנן?" (און גראדע איז דאן ר' יוחנן טאקע געווען קראנק.) אָבער ווי דער מאן האט אנגעהויבען צו ריידען וועגען רבי יוחנן, האבען זיך די אנדערע מענשען דערמאָנט אן דעם יוחנן וואס האט פערפעהלט צו קומען צו טהאָן זיין ארבייט פאר'ן מלך. האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען: "זאָל יוחנן אויך קומען און טהאָן זיין ארבייט גלייך מיט אונז!"

ווען רבי שמעון בן לקיש האט פון דעם געהערט, האט ער בעמערקט: "דאס איז בעהאלטענע לשון הרע".

# 7

## גוטע מלאכים האָבען זיי געהיט

ווען די אידען האבען געהאט זייער לאנד און זיי פלעגען דריי מאָל אין יאהר פערלאָזען זייערע הייזער און גיטער און זיך לאָזען געהן נאָך ירושלים, פלעגען זייערע הייזער און זייער ווירטשאפט אָבגעהיט ווערען דורך נסים.

ר' פנחס דערצעהלט אזא געשיכטע:

אין אשקלון האבען געוואוינט צוויי אידען, ברידער. האבען זיי געהאט גוי'אישע שכנים. איינמאָל האבען די גוי'אישע שכנים אבגעמאכט צווישען זיך, אז ווען די צוויי אידען וועלען אוועקפאָהרען נאָך ירושלים, אויף יום טוב, עולה רגל זיין, וועלען זיי צונעהמען די גאנצע האָב און גוטס פון די אידען. ווען די אידען זיינען אוועק נאָך ירושלים האט דער אויבערשטער צוגעשיקט צוויי מלאכים, אין דעם געשטאלט פון די צוויי ברידער, און די צוויי מלאכים פלעגען אריין און ארוים פון די צוויי אידישע הייזער. האבען די גוי'אישע שכנים געמיינט אז די אידען זיינען נאָך אין דער היים, און זיי האבען מורא געהאט זיך צוריהרען צו זייער פערמעגען.

נאָך יום טוב זיינען די צוויי ברידער צוריק געקומען אהיים און זיי האבען געבראכט מתנות פאר זייערע שכנים. האבען זיי די גוים געפרעגט: "וואו זייט איהר דען געווען? דאכט זיך איהר זייט גאָר די גאנצע צייט געווען אין דער היים".

”מיר זיינען געווען אין ירושלים“, האבען די אידען געענטפערט.

”טאָ וועמען האט איהר עס איבערגעלאָזען אין דער חיים צו היטען אייער פערמעגען?“ האבען די גוים געפרעגט.

”מיר האבען קיין מענשען ניט איבערגעלאָזען“, האבען די אידען געענטפערט.

די שכנים האָבען דאַן פערשטאַנען אז דאָ איז די אידען געשעהן א נס.

האבען די שכנים אויסגערופען: ”געבענשט זאל זיין דער גאָט פון די אידען וואס פערלאָזט זיי ניט און הלואי פערלאָזט ער זיי ניט אויף ווייטער“.

---

איינער איז אוועק נאָך ירושלים, עולה רגל זיין, און האָט איבערגעלאָזען אין דער היים א גרויסע מאָס תבואה. און ווען ער איז צוריק אהיים געקומען האָט ער געפונען אז לייבען זיצען ארום זיין תבואה און היטען אז גנבים זאָלען עס ניט צונעהמען.

---

אן אנדערער איז אוועק נאָך ירושלים אויף יום־טוב, און האָט איבערגעלאָזען א גאנצע הויז מיט היהנער אָהן א שומר. ווען ער איז אהיים געקומען האָט ער געפונען א גרויסע צאָהל צוריסענע קעץ נעבען די היהנער.

---

נאָך א נס: איינער איז אוועק נאָך ירושלים אויף יום טוב און האָט פערגעסען צו פערשליסען די טיהר פון זיין הויז. ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים האָט ער געפונען א שלאַנג ארומגעוויקעלט אויף דער קליאמקע פון דער טיהר.

## 8

## די אמאָליגע גערעטענים אין ארץ ישראל

ר' אבוהו און נאָך צוויי תנאים זיינען איינמאָל פערביי־געגאנגען א גאָרטען אין אן אָרט וואס האט געהייסען חורין. האָט זיי דער פאכטער ארויסגעבראכט פון גאָרטען פער־זיכעס. זיינען זיי געווען אזוי גרויס, דאָס פון איין איינ־ציגען פערזיכע האָבען געגעסען די דריי תנאים און אויך

די מענשען וואָס האָבען געפיהרט זייערע אייזלען, און דאָך האָבען זיי ניט געקענט אויפעסען די גאַנצע פרי און א גרויסען טייל האָבען זיי געמוזט איבערלאָזען. מען האָט דאַן משער געווען אַז די פערזיכע איז געווען אַזוי גרויס ווי א גרויסער טאָפּ וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין דעם דאָרף חנינה. אין דעם טאָפּ האָט געקענט אריין הונדערט סאה לינזען.

א צייט שפּעטער זיינען די זעלבע תנאים ווידער פערביי־געגאַנגען דעם גאָרטען און אַז זיי האָבען זיך דערביי אָב־געשטעלט האָט זיי דער פּאַכטער ווידער ארויסגעבראַכט פערזיכעס, אָבער דיזע זיינען שוין געווען אַזוי קליין דאָס צוויי און דריי שטיק האָבען געקענט אריין אין איין האַנד. ווען די תנאים האָבען געזעהן די פּירות זיינען אַזוי קליין, האָבען זיי געמיינט אַז די פערזיכעס קומען פון אַן אַנדער בוים, האָבען זיי געזאָגט צום פּאַכטער: ״גיב אונז פון דעם זעלבען בוים פון וועלכען דו האָסט אונז געגעבען מיט עטליכע טעג צוריק״. האָט זיי דער פּאַכטער געענטפערט: ״דיזע זיינען פון דעם זעלבען בוים ווי יענע״.

דאַן האָבען די תנאים אויף דער פּאַסירונג געזאָגט דעם פּסוק: ״די פרוכטבאַרע לאַנד איז געוואָרען א וויסטעניס צוליעב די זינד פון איהרע איינוואוינער״.

---

ר׳ חנינא דערצעהלט דאָס ווען ער איז געווען אין אַן אָרט אין ארץ ישראל, האָט ער געזעהן א מורא׳דיג גרויסען באָקסער־בוים. האָט ר׳ חנינא אראָבגענומען פון זיך זיין גאַרטעל און דעם גאַרטעל פון זיין דיענער וואָס האָט אָנ־געטריבען זיין אייזעל, און מיט די צוויי גאַרטלען האָט ער געוואָלט ארוממעסטען דעם שטאַם־וואָרצעל פון בוים, אָבערביידע גאַרטלען האָבען דעם שטאַם־וואָרצעל ניט געקענט ארומנעהמען. נאָכדעם האָט ער אָבגעשניטען א באָקסער האָט ער איינגעשמירט זיין גאַנצע האַנד אין האָניג.

---

ר׳ פרידא האָט געהאַט א וויין־גאָרטען וועלכער איז גע־ווען זעהר געראָטען און האָט געהאַט א שם איבעראַל. האָט צו איהם רבי איינמאָל געזאָגט: ״וועסטו מיר ציינען א גרויסע טרויב ביי דיר אין גאָרטען פון וועלכע איך האָב

געהערט דערצעהלען?" האָט ר' פרידא געזאָגט: "קום, איך וועל דיר ציינען".

אזוי ווי זיי זיינען געגאַנגען צום גאָרטען, האָט רבי פון ווייטען געזעהן ווי אין וויין־גאָרטען שטעהט א גרויסער אָקס. האָט רבי געזאָגט צו ר' פרידא: "אָט דער אָקס וואָס שטעהט דאָרט אין גאָרטען קען גאָר קיין שאדען ניט טהאָן?"

"אָט דאָס וואָס דו זעהסט", האָט ר' פרידא ערקלערט, "איז ניט אַן אָקס, נאָר די טרויב וועלכע דו האָסט געוואָלט זעהן".

האָט רבי מיט בעגייסטערונג אויסגערופען: "דער בית המקדש איז שוין חרב געוואָרען און דו, געבענשטע טרויב, ביסט נאָך אַלץ איינגעַ'עקשנ'ט און האַלטסט זיך נאָך ביי דיין געראָטענקייט!"

אין אַן אויגענבליק איז די טרויב פערשוואונדען געוואָרען. מען האט זי געזוכט איבעראַל און ניט געפונען. האט מען דאַן פערשטאַנען אַז רבי'ס רייד האבען דעם שאדען געבראכט.

# 9

# א ביישפּיעל פון עהרליכקייט

ר' חנינא האָט געהאַנדעלט מיט האָניג. האָט ער געהאט צוויי סאָרטען, ביהנען־האָניג און האָניג פון זיסע פרוכטען. איינמאָל זיינען דורכגעפאָהרען רייזענדע און האָבען ביי איהם געקויפט האָניג, האָט ער זיי על פי טעות פערקויפט פרוכטען האָניג אַנשטאַט ביהנען האָניג, און דאָס איז דאָך בעוואוסט אַז ביהנען האָניג איז בעסער פון פרוכטען האָניג. אַ צייט שפּעטער זיינען די רייזענדע ווידער געווען ביי איהם, האָט צו זיי ר' חנינא געזאָגט: "איך וויל אייך ניט אָבנאַרען. די האָניג וואָס איך האָב אייך פערקויפט אויף דעם פּרייז פון ביהנען האָניג איז געווען בלויז פרוכטען האָניג, און דאַרום וויל איך אייך אומקעהרען דאָס געלד וואָס איך האָב ביי אייך איבערגענומען".

"ניין", האָבען די מענשען געזאָגט, "דו האָסט אונז ניט גענאַרט. מיר האָבען טאַקע געדאַרפט האָבען פרוכטען האָניג".

אַבוואַחל רבי חנינא האָט איינגעזעהען אז ער האָט די מענשען ניט גענאַרט און זיי האָבען בעקומען די ריכטיגע תאַניג וואָס זיי האָבען געוואָלט האָבען, דאָך האָט ער פון דאָס געלד וואָס ער האָט ביי זיי איבערגענומען אויף דעם מסח ניט געוואָלט געניסען און ער האָט פאַר דעם געלד אויסגעבויט אַ שוחל אין ציפורין.

## 10

## ניט געוואָלט קיין כבוד

ר' יוסי איז איינמאָל געקומען אין דער שטאָדט כפרא צו בעשטימען פּרנסים, צדקה גבאָים. האָט קיינער דעם אמט ניט געוואָלט אָננעהמען, ווייל אַלע שטאָדט־לייט האָבען פיינט געהאַט כבוד. האָט ר' יוסי פאַר זיי געהאַלטען אַזאַ רעדע:

"נעהמט זיך אַ ביישפּיעל פון בן־בבי, וועלכער האָט געהאַט דעם אמט פון אויפזעהער אויף די קנייטלעך אין בית המקדש. און כאָטש דאָס איז געווען פון די קליינע עמטער האָט מען איהם דאָך גערעכענט צווישען די גרויסע מענשען פון זיין דור. הייננט ווי גרעסער דאַרפט איהר זיך שעמצען ווען איהר בעקומט אַזעלכע פעראַנטוואָרטליכע עממער וואָס האַלט אויף מענשען ביים לעבען!"

## 11

## ווען דער שכר איז גרעסער

רבי אליעזר איז געווען אַ גבאַי פון צדקה. איינמאָל ווען ער איז געקומען פון וועג אַהיים האָט ער געפרעגט זיינע הויז־מענשען: "וואָס האָט איהר געטהאָן אין דער צייט ווען איך בין אין דער היים ניט געווען?" האָבען זיי גע־ענטפערט: "עס זיינען דאָ געקומען אַ צאָהל געסט, דורכ־רייזענדע, האָבען מיר זיי געגעבען עסען און טרינקען, און זיי האָבען געבענשט און גאָט געבעטען פאַר דיר."

"איך וועל שוין דערפאַר קיין גרויסען לוין פון הימעל ניט בעקומען", האָט ר' אליעזר געזאָגט. "בעסער וואָלט געווען ווען זיי וואָלטען מיך בעליידיגט און געשאָלטען. דאַן וואָלט מיין שכר געווען טאָפּעלט".

אַ צווייטען מאָל אַז ר׳ אליעזר איז געקומען אַהיים און ער האָט געפרעגט זיינע הויז מענשען וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס ער איז געווען אַוועק, האָבען זיי איהם געענטפערט: ״דאָ זיינען ווידער געווען געסט. און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך זאט אָנגעגעסען האָבען זיי דיך געשאָלטען״.

״אויב אַזוי איז גוט״, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט. ״יעצט וועל איך בעקומען אַ גרויסען שכר״.

## 12

## דער לוין פון אַ כּלל טהוער

איינמאָל האָט מען ר׳ עקיבא׳ן געוואָלט מאַכען פאַר אַ גבאי איבער די שטאָרטיגע צדקות, האָט ער געזאָגט: ״איך וועל געהן און זיך בעראַטען מיט מיין הויזגעזינד, אויב איך זאָל דעם אַמט אָננעהמען, אָדער ניט״. איז מען איהם נאָכגעגאַנגען און מען האָט געהערט ווי ער זאָגט צו זיינע הויזמענשען: ״איך וועל דעם אַמט אָננעהמען מיט דעם בעדינג אַז זיי זאָלען מיך שילטען און בעליידיגען״.

## 13

## געמאַכט צוריק פאַר אַן אָרימאַן

רבי האַט געהאַט אַן אָרימען תּלמיד וועמעס גאַנצער פערמעגען איז געווען הונדערט מיט ניין און ניינציג דינרים. פלעגט איהם רבי שטיצען מיט דעם וואָס ער פלעגט איהם געבען מעשר עני, דעם מעשר וואָס מען גיט צו אָרימע לייט. די חברים פון דעם תּלמיד האָט עס פערדראָסען וואָס רבי גיט זיך אַזוי אָב מיט דעם איינציגען תּלמיד און וואָס ער אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק אין איהם, האָבען זיי געמאַכט אַז דער תּלמיד זאָל רייכער ווערען מיט נאָך אַ דינר, און ער האָט שוין געהאַט פולע צוויי הונדערט. דער דין איז אַז ווען איינער האָט צוויי הונדערט דינרים טאָר ער קיין צדקה ניט נעהמען, ווייל ער איז שוין דאַן קיין אָרימאַן.

רבי האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך, און ווען עס איז

נעקומען די צייט צו פערטיילען מעשר עני האָט ער דעם תלמיד געוואָלט געבען זיין חלק וואָס ער פלעגט איהם אימער געבען. "ניין, רבי," האָט דער תלמיד געזאָגט, "איך קען מעהר קיין מעשר ניט נעהמען, ווייל מיינע חברים האָבען מיך מיט איין דינר געמאַכט פאַר אויס אָרימאַן".

ווען רבי האָט געהערט פון דער געשיכטע האָט ער א וואונק געטהאָן צו זיינע תלמידים. די תלמידים האָבען זייער חבר אריינגעפיהרט אין א קראָם און דאָרט האָבען זיי איהם געמאַכט מיט א דינר אָרימער, און דאן האט ער ווידער געקענט נעהמען מעשר.

## 14

## דער "יורד"

איינער פון די נשיאים האָט פערלאָרען זיין פערמעגען און איז געוואָרען אן אָרימאַן. האָט מען איהם איינמאָל גע־געבען צו עסען אין א ליימענע כלי, און אזוי ווי ער איז געוועזן געוואוינט צו עסען פון זילבערנע און גאָלדענע כלים האָט איהם דאָס עסען פון א ליימענע כלי געעקעלט און ער האָט זיין עסען ניט געקענט פערדייהען. מען האָט איהם געמוזט בריינגען א דאָקטאָר וועלכער האָט איהם ערקלערט אז עס איז פיעל געזינטער צו עסען פון ליימענע כלים, איי־דער פון מעטאַלענע כלים.

## 15

## אן אָרימאַן מיט א בייטעל גאָלד

ר' יוחנן און ריש לקיש זיינען איינמאָל געגאַנגען זיך באָדען אין די מינעראל וואסערען פון טבריא, האָבען זיי אויפ'ן וועג בעגעגענט א בעטלער. זאָגט צו זיי דער בעט־לער: "פערדיענט א מצוה און שענקט מיר א נדבה". האָ־בען זיי געענטפערט: "מיר וועלען דיר געבען אז מיר וועלען זיך צוריקקעהרען".

ווען זיי זיינען צוריק געקומען צו דעם אָרט האָבען זיי געפונען דעם בעטלער טויט. האָבען זיי געזאָגט: "אזוי ווי

מיר האָבען איהם קיין חסד ניט געטהאָן ביי זיין לעבען ווע־לען מיר איהם כאָטש ברייגגען צו קבר ישראל". און ווי זיי האָבען איהם גענומען ארומקוקען האָבען זיי ביי איהם גע־פונען א בייטעל מיט גאָלדענע רענדלעך, האָבען זיי געמאַכט א בעמערקונג: "אָט דאָס איז וואָס ר' אבוהו האָט געזאָגט: מיר דאַרפען דאַנקבאַר זיין די שווינדלערישע שנאָרער, ווייל צוליעב זיי האבען מיר א רעכט אמאָל צו צווייפלען אין אָרימע לייט, און דער אייבערשטער איז אונז מוחל ווען מיר פערפעהלען אמאָל צוליעב אָט די שווינדלער צו געבען אן אמת'ן אָרימאַן".

## 16

## גענומען פאַר אנדערע

ר' זכריה, דער איידים פון ר' לוי, פלעגט נעהמען צדקה צוגלייך מיט אַלע אָרימע לייט פון זיין שטאָדט. האָט מען אויף איהם געמורמעלט אז ער דאַרף גאָר קיין צדקה, נאָר ער נעהמט זיך אזוי. נאָך זיין טויט האָט מען אויסגעפונען אַז ער פלעגט די צדקה געלדער וואָס ער פלעגט נעהמען פאַר זיך פערטיילען צווישען אמת'ע אָרימע לייט, וואָס ענטוועדער זיי האָבען זיך אליין געשעהמט צו נעהמען, אָדער זיי האָבען ניט בעקומען גענוג לויט זייער גרויס נויט.

## 17

## צדקה מיט שכל

ר' יונה האָט שטאַרק געהאַלטען פון דעם פסוק (תהלים, מא): "אשרי משכיל אל דל" — וואויל איז צו דעם וואָס העלפט דעם אָרימאַן מיט א שכל. ווי פלעגט ר' יונה טהאָן? אז ער פלעגט זעהן איינעם פון א פיינער משפחה וואָס איז געוואָרען א יורד און האָט פערלאָרען זיין פערמעגען, פלעגט ער איהם געבען א סומע געלד און זאָגען: "איך האָב גע־הערט אז אימיצער, דיינער א קרוב, ערגעץ ווייט פון דאַנען, האָט דיר איבערגעלאָזען א ירושה, טאָ נעהם דאָס ביסעל געלד און אז דו וועסט די ירושה בעקומען וועסטו מיר

צוריק צאָהלען. און ווי נאָר דער אָרימער יחסן פלעגט ביי איהם דאָס געלד צונעהמען, פלעגט ר' יונה זאָגען: "ווייסטו וואָס — איך מאַך דיר דאָס געלד א מתנה".

## 18

# אָרימע לייט איף א וואָך

ר' חייא בר אדא דערצעהלט דאָס ער געדענקט אז מיט א צייט צוריק זיינען געווען אלטע לייט, אָרימע מענשען, וואָס פלעגען אָננעהמען נדבות נאָר פון ראש השנה ביז יום כפור, אָבער פון נאָך יום כפור אָן און ווייטער פלעגען זיי שוין מעהר ניט אָננעהמען. און ווען מען האָט זיי געפרעגט וועגען דיזען אונגעוואוינליכען אויפפיהר, האָבען זיי געענטפערט: "אזוי איז ביי אונז דער מנהג".

עס זיינען דאָ צוויי ערקלערונגען וועגען דעם. איינס איז אז די אלטע לייט האָבען געגלויבט אין דעם, אז צווישען ראש השנה און יום כפור ווערט בעשטימט דעם מענשענ'ס פרנסה אויפ'ן גאנצען יאָהר, און זיי האָבען געהאַט בטחון אז אין די עטליכע טעג וועט זיי דער אויבערשטער צושיקען גענוג אויפ'ן גאנצען יאָהר. די צווייטע ערקלערונג איז אז זיי האָבען די נדבות אָנגענומען ניט אזוי צוליעב זייער אייגענער נויט, נאָר וויל זיי האָבען געוואָלט אז אידען זאָלען געבען צדקה און דורך דער מצוה האָבען א גוטען יאָהר.

## 19

# כבוד צו בלינדע

ר' הושעיא איז געווען א זעהר גרויסער מאַן און דערפאַר האָט מען איהם גערופען ר' הושעיא רבה. האָט ער ביי זיך געהאַט א בלינדען רבי וועלכער האָט געלערנט מיט זיין זוהן. איינמאָל זיינען געקומען צו ר' הושעיא'ן געסט אויף מיטאג. אלע מאָל פלעגט דער בלינדער מלמד עסען מיט דער פאמיליע ביי דעם זעלבען טיש, אָבער ווען עס זיינען געקומען די געסט האָט ר' הושעיא דעם בלינדען מלמד ניט גערופען צום טיש. אין אָוועגד, אז די געסט זיינען שוין אוועק, איז ר' הושעיא אריין צום בלינדען לעהרער אין זיין

צימער און האָט זיך אַזוי ענטשולדיגט: "האָב קיין פעראיבעל וואָס איך האָב דיך חיינט ניט גערופען צום טיש, איך האָב געהאַט געסט, און איך האָב מורא געהאַט דיך צו זעצען צווישען זיי, טאָמער וועלען זיי דיך פערשעהמען."

האָט דער בלינדער רבי געזאָגט: "דו האָסט געבעטען מחילה ביי איינעם וועמען מען זעהט אָבער ער זעהט ניט, דערפאַר זאָל דיר מוחל זיין דער וואָס זעהט אָבער מען קען איהם ניט זעהן."

"און פון וואַנען ווייסטו אַז בעטען פערצייהונג איז אַזאַ גרויסע זאַך?" האָט ר' תושעיא געפרעגט.

"איך האָב עס געלערענט פון אַ געשיכטע וואָס האָט געטראָפען מיט רבי אליעזר בן יעקב", האָט געענטפערט דער בלינדער רבי און נאָכדעם האָט ער דערצעהלט אַזאַ געשיכטע.

אין דער שטאָדט וואו רבי אליעזר בן יעקב האָט געוואוינט איז איינמאָל געקומען אַ בלינדער מאַן. האָט איהם ר' אליעזר אַוועקגעזעצט אַ ביסעל העכער פון זיך און אליין האָט ער זיך געזעצט אויף אַ נידעריגערען אָרט. האָבען די שטאָדט לייט געזאָגט צווישען זיך: "אויב דער בלינדער וואָלט ניט געווען אַ גרויסער מאַן וואָלט ר' אליעזר זיך ניט אַוועקגעזעצט נידעריגער פון איהם." שפעטער האָבען די שטאָדט־לייט בעזאָרגט דעם בלינדען גאַסט מיט אַ שעהנער פרנסה.

"פאַרוואָס קומט מיר דאָס וואָס איהר זאָרגט זיך אַזוי וועגען מיר?" האָט דער בלינדער געפרעגט.

"ווייל מיר האָבען געזעהן ווי ר' אליעזר גיט דיר אָב כבוד", האָבען זיי איהם געענטפערט.

דאַן האָט דער בלינדער געזאָגט צו רבי אליעזר בן יעקב:
"דו האָסט געטהאָן גוטעס צו איינעם וועמען מען קען זעהן, אָבער ער אליין זעהט ניט, דערפאַר זאָל דער וואָס זעהט, אָבער וואָס מען קען איהם ניט זעהן, טהאָן גוטעס מיט דיר."

## 20

# איינגעזונקענעם געלד

רבי חמא בר חנינא און רבי הושעיא האָבען אמאָלביידע צוזאמען שפּאַציערט ארום די שוהלען פון דער שטאָדט לוד. רופט זיך אָב רבי חמא: ״אך, ווי פיעל געלד מיינע עלטערן האָבען פערזונקען אויף צו בויען די שוהלען!״

״זאָג בעסער ווי פיעל נפשות זיי האָבען איינגעזונקען אין די שוהלען!״ האָט רבי הושעיא איהם געענטפערט. ״דיינע עלטערן האָבען בעסער דאָס געלד געדאַרפט פער־ווענדען אויף אָרימע לערנער, כדי זיי זאָלען האָבען פון וואָס צו לעבען און קענען לערנען תורה.״

# מסכת דמאי

## 1

## ווען איינער פערלאָזט זיך אויפ'ן אנדערען

ר' ירמיה האָט געשיקט צו ר' זעירא אַ קאָרב פייגען פון וועלכע מען האָט קיין מעשר געגעבען. ר' ירמיה האָט זיך גע־טראַכט: שוין זשע וועט ר' זעירא עפּעס געניסען איידער ער וועט פון דעם געבען מעשר? און ר' זעירא האָט זיך גע־טראַכט: שוין זשע וועט ר' ירמיה מיר שיקען פייגען פון וועלכע מען האָט קיין מעשר געגעבען?

און אַזוי ווי איינער האָט זיך פערלאָזען אויפ'ן אַנדערען האָט מען דערווייל די פייגען אויפגעגעסען, ניט געבענדיג פון זיי קיין מעשר. אויף מאָרגען האָבען זיך די צוויי תנאים בעגעגענט. פרעגט ר' זעירא ביי ר' ירמיה: "די פייגען וואָס דו האָסט מיר נעכטען געשיקט האָט מען פון זיי געגעבען מעשר?"

"ניין", האָט ר' ירמיה געענטפערט. "איך האָב קיין מעשר ניט געגעבען, דען איך האָב זיך געטראַכט: שוין־זשע איז דאָס מעגליך דאָס אַזאַ מאַן ווי ר' זעירא וועט עסען פייגען איידער ער וועט פון זיי געבען מעשר?"

"און איך האָב אויך אַזוי געטראַכט", האָט ר' זעירא געזאָגט. "ווי קען דאָס מעגליך זיין אַז ר' ירמיה וועט מיר שיקען פייגען פון וועלכע ער האָט פריהער קיין מעשר גע־געבען?".

## 2

## בעשטראָפט פאר ניט געבען מעשר

ר׳ פּנחס בן יאיר איז איינמאָל געקומען אין אַן אָרט, האָבען די דאָרטיגע איינוואוינער זיך בעקלאָגט פאר איהם אַז מייז עסען אויף זייער תבואה. האָט ר׳ פּנחס בעפוילען די מייז אַז זיי זאָלען זיך צוזאַמענקומען. די מייז זיינען געקומען און האָבען אָנגעהויבען קוויטשען אויף זייער קול, אַזוי ווי זיי וואָלטען עפּעס געזאָגט. ״איז דאָ אימיצער וואָס פערשטעהט זייער לשון?״ האָט ר׳ פּנחס בן יאיר געפרעגט ביי די איינוואוינער פון דעם געגענד. קיינער האָט זיך אָבגערופען. דאַן האָט ר׳ פּנחס געזאָגט:

״אויב איהר פערשטעהט ניט וועל איך אייך ערקלערען וואָס זיי זאָגען. די מייז זאָגען אַז איהר גיט קיין מעשר און דערפאַר עסען זיי אויף אייער תבואה״.

האָבען די מענשען געזאָגט צו ר׳ פּנחס בן יאיר: ״זיי דו אַן ערב פאר אונז אַז פון היינט אָן ווייטער וועלען מיר געבען מעשר״.

ר׳ פּנחס בן יאיר האָט ערב געווען און זייט דאַן האָבען די מענשען קיין שאַדען געהאַט.

## 3

## די מויז און דער פּערל

ביים מלך פון ישמעאל איז איינמאָל אַרונטערגעפאַלען אַ טייערער פּערל און אַ מויז האָט עס געכאַפּט, איינגעשלונגען און אַנטלאָפען. איז דער מלך געקומען צו רבי פּנחס בן יאיר און איהם געבעטען ער זאָל איהם העלפען צוריק קריגען דעם טייערען פּערל. זאָגט רבי פּנחס בן יאיר: ״בין איך דען אַ מכשף וואָס דו קומסט צו מיר בעטען אַז איך זאָל דיר ציינגען אַזאַ קונץ?״ האָט דער מלך געזאָגט: ״איך ווייס אַז דו ביזט קיין מכשף, אָבער דיין גוטער נאָמען איז בעקאַנט איבעראַל און איך ווייס אַז דו ביזט אַ גרויסער צדיק און גאָט טהוט אַלעס וואָס דו פערלאַנגסט פון איהם. אָט דאַרום בין איך געקומען בעטען אַז דו זאָלסט מיר העלפען״.

האָט ר׳ פּנחס בן יאיר אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַז

אלע מייז זאָלען זיך צוזאַמענקומען פאַר איהם. און ווען זיי זיינען געקומען האָט ער געזעהן ווי ביי איינע פון זיי איז דער רוקען קרום און עפּעס שטאַרצט דאָרט ארויס. האָט ער געזאָגט: "אָט די מויז האָט איינגעשלונגען דעם פערל!" נאָכדעם האָט ער איהר בעפוילען דעם פערל אויסצושפּייען, און זי האָט אזוי געטהאָן.

## 4

## דער רייַנער געוויסען

רבי פנחס בן יאיר איז איינמאָל געגאַנגען אין בית המדרש צו לערנען מיט זיינע תלמידים, ווען ער איז געקומען צו אַ טייך וואָס האָט זיך געפונען אין וועג האָט ער געזעהן אז דער טייך האָט זי צוגאָסען און עס איז אונמעגליך געווען אריבערצוגעהן. האָט ר' פנחס אויסגערופען: "גיניי! גיניי!" (אזוי האָט דער טייך געהייסען) "וועסטו מיך ניט לאָזען געהן אין בית המדרש?" גלייך דערויף האָט דער טייך זיך גע־שפּאַלטען און ר' פנחס איז אריבערגעגאַנגען.

ווען זיינע תלמידים האָבען זיך דערוואוסט פון דעם נס וואָס איז געשעהן צו זייער רבי, האָבען זיי איהם געפרעגט: "מיר וועלען אויך אזוי קענען אריבערגעהן דעם טייך?" האָט זיי ר' פנחס געענטפערט: "ווער עס ווייס אז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען בעליידיגט אַ אידען, דער וועט דעם טייך בשלום אריבערגעהן".

## 5

## צוריקגעגעבען כפל כפלים

צוויי אָרימע לייט האָבען געגעבען ר' פנחס בן יאיר צו בעהאַלטען צוויי סאה (אזא מאָס) גערשטען. האָט ר' פנחס גענומען און האָט די גערשטען פערזייהט אויף זיינע פעל־דער. ווען די תבואה איז צייטיג געוואָרען האָט ער עס גע־לאָזט שניידען און בעהאַלטען אין זיינע שייערען. נאָכדעם, אז עס זיינען געקומען די אָרימע לייט און געבעטען זייערע צוויי סאה גערשטען, האָט ר' פנחס בן יאיר געזאָגט צו זיי: "ברייַנגט קעמלען און אייזלען און נעהמט צו אייערע גערשטען. עס איז דאָ יעצט אַ סך מעהר ווי צוויי סאה".

## 6

# זיך ניט געלאָזט איבערבעטען

רבי (יהודה הנשיא) האָט איינמאָל פעררופען צו זיך די גרויסע אידישע חכמים מיט דעם צוועק מתיר צו מאַכען שמיטה. רבי פנחס בן יאיר וועלכער איז געווען געגען אזא פאָרשלאַג איז געקומען צו רבי'ן און האָט איהם גענומען שטעלען פראַגען וועגען דער פערזאַמלונג. רבי האָט געוואוסט אז ר' פנחס בן יאיר איז געגען מתיר צו מאַכען שמיטה, האָט ער פרובירט איהם פערדיידען וועגען אנדערע זאַכען, און לסוף האָט איהם רבי געבעטען: "אויב דער האר וויל מיר אָנטהאָן א גרויסען כבוד זאָל ער מיט מיר היינט עסען א גוטען מיטאַג". רבי פנחס בן יאיר האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, אָבער אז ער איז געקומען אין רבי'ס הויף און האָט דאָרט געזעהן ווייסע מוילאייזלען, וועלכע זיינען פערערכענט פאַר געפעהרליכע חיות, האָט ער אויסגערופען: "מעגען דען אידען האָדעווען אזעלכע געפעהרליכע חיות?" און פאַר כעס איז ער אוועק און האָט מיט רבי'ן ניט געגעסען.

רבי האָט געשיקט מענשען איבערצובעטען רבי פנחס בן יאיר. ר' פנחס איז אוועק אין זיין שטאָדט און די שלוחים זיינען איהם נאָכגעגאַנגען. האָט רבי פנחס געזאָגט צו זיינע שטאָדט לייט: "שטעלט זיך ארום מיר און לאָזט קיין פרעמדען מענשען ניט צו". די שטאָדטלייט האָבען איהם געפאָלגט. זיי האָבען געמיינט אז די פרעמדע מענשען ווילען איהם שלעכטס טהאָן, האָבען זיי איהם פון אלע זייטען ארומגערינגעלט. "אָט דיזע מענשען זיינען געשיקט פון רבי מיך איבערצובעטען", האָט ר' פנחס ערקלערט צו זיינע שטאָדטלייט. ווען די שטאָדטלייט האָבען געהערט ווער די שלוחים זיינען און צו וואָס פאַר א צוועק זיי זיינען געשיקט, האָבען זיי פערלאָזען ר' פנחס'ן כדי די שלוחים זאָלען קענען צוקומען. האָט ר' פנחס אויסגערופען: "זאָלען מיינע קינדער קומען און מיך ארומרינגלען!" איז ארונטער א פייער פון הימעל, האָט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, און ניט צוגעלאָזט צו איהם רבי'ס שלוחים. ווען רבי האָט פון דעם געהערט האָט ער געזאָגט: "אזוי ווי איך האָב ניט זוכה געווען צו עסען מיט איהם א סעודה אויף דער וועלט האָף איך צו געניסען מיט איהם א סעודה אויף יענער וועלט".

## 7

# זיך געהיט פון פרעמדעס

רבי שמעון בר כהנא איז געגאנגען אנגעשפארט אויף ר' אליעזר. ווען זיי זיינען פערבייגעגאנגען א גארטען, האט ר' שמעון געזאגט צו ר' אליעזר: "נעהם מיר ארויס א שטיקעלע האלץ פון פארקען אום צו רייניגען מיינע צייהן". און גלייך נאכדעם האט ר' שמעון איהם אבגעהאלטען און נעזאגט: "ניין, טשעפע ניט דעם פארקען. ווייל אויב דו וועסט אזוי טהאן, וועט יעדער איינער נעהמען אבברעכען א חעלצעל, און אויף אזא אופן וועט מען דעם פארקען צונעהמען אין גאנצען."

# מסכת כלאים

## 1

## שווער צו זיין אן עניו

רבי איז געווען א גרויסער עניו. ער פלעגט אָפט זאָגן: "איך בין גרייט צו ערפילן דעם פערלאנג פון יעדן מענ־שען". און איינמאָל, אז מען האט גערעדט וועגן רב הונא, דער ראש גלות פון בבל, האט רבי געזאגט: "ווען ער זאָל אהער קומען, וואלט איך איהם אבגעגעבן גרויס כבוד. איך וואלט איהם אוועקגעזעצט העכער פון מיר, ווייל ער איז א וויכטיגערער מענש פון מיר און דערצו אויך א גרעסערער יחסן פון מיר. דען ער קומט ארויס פון שבט יהודה און פון דעם צד פון די זכרים, אבער איך קום ארויס פון שבט בנימין און פון דעם צד פון די נקבות".

איינמאָל איז צו רבי'ן אריינגעקומען רבי חייא און האט געזאגט: "רב הונא איז דאָ!" איז רבי שטארק רויט געוואָר־רען. ער האט זיך פערשעהמט ווייל ער האט זיך דערמאָנט אז ער וועט דארפען אוועקזעצען רב הונא'ן העכער פון זיך.

"ניט א לעבעדיגער איז ער געקומען", האט רבי חייא ווייטער געזאגט, "נאָר א טויטען האט מען איהם אהער גע־

בראכט אין אן ארון, כדי בעערדיגט צו ווערען אין ארץ ישראל".

רבי האט זיך נאָך מעהר פערשעהמט וואס רבי חייא האט איהם אזוי אויספּרובירט, און מיט כעס האט ער גע־זאָגט: "געה ארויס אין דרויסען און זעה ווער עס דארף דיך דאָרט".

רבי חייא איז ארויס אין דרויסען און האט דאָרט קיינעם געפונען. האט ער פערשטאַנען אז רבי איז בייז גע־וואָרען אויף איהם. רבי חייא האט אויף זיך גענומען ניט צו צייגען זיך פאר רבי'ן דרייסיג טעג, ווייל דער בייז ווערען פון א רבי איז אזוי ווי א חרם.

ווען די דרייסיג טעג זייגען אריבער האט נאָך אלץ רבי חייא קיין מוטה געהאט זיך צו צייגען פאר רבי'ן. האט זיך אליהו הנביא פערשטעלט אין דעם געשטאלט פון רבי חייא, איז געקומען צו רבי און געפרעגט: "וואָס מאכט חיינט דער רבי?" האט רבי געענטפערט: "א צאָהן טהוט מיר שטארק וועה".

"צייג מיר דעם קראנקען צאָהן", האט אליהו הנביא געזאגט.

רבי האט איהם געצייגט דעם צאָהן. אליהו הנביא האט אויף דעם ארויפגעלייגט א פינגער און גלייך איז דער צאָהן געהיילט געוואָרען.

אויף מאָרגען איז געקומען דער ריכטיגער רבי חייא. "וואָס מאכט דעם רבי'ס צאָהן?" האט ער געפרעגט, ווייל עס איז געווען בעוואוסט, אז רבי האט שטארק געליטען אויף די צייהן.

האט רבי איהם געענטפערט: "זייט דו האָסט נעכטען ארויפגעלייגט דיין פינגער אויף מיין קראנקען צאָהן, לייד איך ניט מעהר".

"איך בין דאָך אבער דאָ נעכטען גאָר ניט געוועזן", האט רבי חייא זיך געוואונדערט.

רבי האט פערשטאַנען, אז דער וואס האט איהם גע־היילט זיין צאָהן איז געוועזן אליהו הנביא, וואס האט זיך פערשטעלט פאר רבי חייא'ן. זעהענדיג ווער עס נעהמט זיך אָן פאר רבי חייא'ן, האט רבי בעקומען גרויס רעספּעקט פאר איהם, און זייט דאן האט ער איהם אבגעגעבען א סך כבוד.

אז מען פלעגט דארפען ארייננעהן אין בית המדרש, פלעגט רבי זאגען: "זאָל רבי חייא אריינגעהן פריהער פון אלע אנדערע תלמידים". האט איינמאָל רבי ישמעאל בר' יוסי געפרעגט: "פריהער פון מיר אויך?" האט רבי גע־ענטפערט: "חס ושלום! רבי חייא זאל אריינגעהן פריהער פון די אנדערע תלמידים, אָבער ר' ישמעאל בר' יוסי גאָר צוערשט".

## 2

## רבי'ס רעספעקט פאַר ר' חייא

רבי פלעגט אימער דערצעהלען די מעלות פון רבי חייא פאַר ישמעאל בר' יוסי. איינמאָל האָט זיך געטראָפען אזא געשיכטע. ר' ישמעאל איז אריין אין מרחץ און רבי חייא, וועלכער איז דאָרט געזעסען, האָט זיך פאַר איהם ניט אויפ־געשטעלט, כאָטש ר' ישמעאל איז געווען א גרעסערער מאַן פון איהם. ר' ישמעאל'ן האָט עס פערדראָסען און שפעטער, ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט רבי'ן, האָט ער געזאָגט: "אָט דאָס איז דער מאַן, וועמען דו לויבסט אזוי שטאַרק?"

"וואָס האָט ער דיר געטהאָן?" האָט רבי געפרעגט.

"ער האָט מיך געזעהן אריינקומען אין מרחץ און האָט זיך ניט אויפגעשטעלט פאַר מיר", האָט ר' ישמעאל גע־ענטפערט.

האָט רבי געפרעגט ביי ר' חייא: "פאַרוואָס האָסטו ר' ישמעאל'ן ניט אָבגעגעבען דעם כבוד וואָס איהם קומט?"

"זאָל אויף מיר קומען א שטראָף, אויב איך האָב איהם בעמערקט אריינקומען", האָט ר' חייא געענטפערט. "איך בין דאַן גראַדע געווען אריינגעטהאָן אין א ספר".

זייט דאַן האָט רבי געגעבען ר' חייא'ן צוויי שומרים וואָס זאָלען איהם אימער בעגלייטען און איהם היטען, אז ער זאָל אין זיין גרויס צוטראָגענהייט ניט אריינפאַלען אין אַן אונגליק.

## 3

# די גרויסקייט פון רבי חייא

אָט איז אַ ביישפּיעל וואָס ציינט די אמת'ע גרויסקייט פון רבי חייא, וועלכער איז בעסער בעקאַנט מיט דעם נאָמען רבי חייא רבה, רבי חייא דער גרויסער.

אַ צייט נאָך ר' חייא'ס טויט האָט ר' יוסי געפאַסט אַכציג תעניתים, ער זאָל זעהן ר' חייא'ן אין חלום. נאָך די תעניתים, אַז ער האָט שוין איהם געזעהן, האָט ר' יוסי געהאַט אַזאַ שרעק, דאָס זיינע הענד האָבען געציטערט און זיינע אויגען זיינען שוואַך געוואָרען. און טאָמער מיינט איהר, אַז ר' יוסי איז געווען ניט קיין וויכטיגער מאַן און דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ שרעק, וועלען מיר אייך דערצעהלען די גרויסקייט פון ר' יוסי.

איינמאָל איז געקומען צו רבי יוחנן אַ וועבער און האָט דערצעהלט: "עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אַז דער הימעל איז אַרונטערגעפאַלען, נאָר איינער פון דיינע תלמידים האָט דעם הימעל אונטערגעשפּאַרט און ניט געלאָזט פאַלען צו דער ערד".

"וועסטו דערקענען דעם תלמיד, אויב דו וועסט איהם זעהן?" האָט ר' יוחנן געפרעגט.

"אויב איך וועל איהם נאָר זעהן, וועל איך איהם דערקענען", האָט דער וועבער געענטפערט.

ר' יוחנן האָט דורכגעפיהרט אַלע זיינע תלמידים פערביי דעם וועבער און דער וועבער האָט דערקענט ר' יוסי, אַז ער איז געווען דער תלמיד וועלכען ער האָט אין חלום געזעהן אויפהאַלטען דעם הימעל.

אָט פון דער געשיכטע קען מען זעהן, אַז ר' יוסי איז אויך געווען אַ זעהר גרויסער מאַן, אָבער ר' חייא איז געווען נאָך גרעסער פון איהם.

---

ר' שמעון בן לקיש האָט געפאַסט דריי הונדערט תעניתים אַז ער זאָל זעהן ר' חייא'ן אין חלום. אָבער ר' חייא האָט זיך צו איהם ניט בעוויזען. ר' שמעון בן לקיש האָט זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרצען און ער האָט געזאָגט: "שוין־זשע האָט ער געלערענט מעהר תורה פון

מיר ?" האָט מען איהם געזאָגט: "ער האָט די תורה פער־
שפרייט צווישען אידען מעהר פון דיר, און נאָך מעהר:
ער פלעגט געהן פון אָרט צו אָרט, אימער זיין אין גלות, אום
צו לערנען די תורה".

"בין איך דען געניג ארומגעפאָהרען? בין איך דען
ניט געווען אין גלות אזוי ווי ער?" האָט ר' שמשון גע־
טענה'ט.

האָט מען איהם געענטפערט: "דו ביסט ארומגעפאָה־
רען אליין צו לערנען, אָבער ער איז ארומגעפאָהרען צו לער־
נען אנדערע".

## 4

# געשטאָרבען אין דער פרעמד

עולא איז געווען א "נחותא", דאָס הייסט איינער וואָס
האָט פערלאָזען ארץ ישראל און איז אוועק נאָך בבל. ווען
עס איז געקומען זיין צייט פון שטאַרבען, האָט ער גענומען
וויינען. האָבען די תלמידי חכמים פון בבל צו איהם גע־
זאָגט: "פאַר וואָס ווייגסטו? מיר וועלען דיך ברייגגען
אין ארץ ישראל". האָט עולא זיי געענטפערט: "וואָס פאַר
א טרייסט איז דאָס פאַר מיר, ווען איך פערליר מיין טייערען
פערל (די נשמה) אין אן אונרייינער לאַנד? עס איז ניט
גלייך איינער וואָס גיט אויס די נשמה אין דעם שויס
פון זיין מוטער, צו דעם וואָס הויכט אויס זיין לעצטען
אטהעם אין דעם שויס פון א פרעמדער".

# מסכת שביעית

## 1

## וואָס דער גוי איז איסען געווען

ר׳ אבא בר זמינא איז געווען אַ שניידער. איינמאָל האָט ער געאַרבייט אין דער הויז פון אַ געצענדיענער אין ארם. האָט דער גוי איהם געגעבען אַ שטיקעל פלייש פון א נבלה צו עסען. ״איך וועל דאָס ניט עסען!״ האָט ר׳ אבא בר זמינא געזאָגט. ״עס!״ האָט דער גוי געשריען, ״אויב ניט, וועל איך דיך דער׳הרג׳ענען״. האָט ר׳ אבא געענטפערט: ״אויב דו ווילסט מיך הרג׳ענען, קענסטו דאָס טהאָן, אָבער איך וועל קיין נבלה ניט עסען, ווייל איך בין אַ איד און עס איז מיר פערבאָטען״.

״הער צו״, האָט דער גוי געזאָגט נאכדעם, ״אָט יעצט וועל איך דיר אויסזאָגען מיין סוד. איך האָב געמיינט פונקט פערקעהרט. ווען דו וואָלסט יא עסען די נבלה, וואָלט איך דיך דער׳הרג׳עט, ווייל איך גלויב, אז יעדער מענש דארף היטען זיין גלויבען. איז איינער אַ גוי, דארף ער זיך פיהרען ווי אַ גוי, איז איינער אַ איד, דארף ער היטען אידישקייט״.

## 2

# ליבע צו דער היים

דער מלך דיקליטינוס האָט שטאַרק אונטערדריקט די איינוואוינער פון דער שטאָדט פניים. האָבען די מענשען פון דער שטאָדט געזאָגט צום קעניג: ״אויב דו וועסט ניט אויפהערען אונז צו דריקען, וועלען מיר אוועקגעהן אין אַן אַנדער לאַנד״.

״הער זיי ניט״, האָט געזאָגט איינער פון דעם קע־ניג'ס ראַטגעבער. ״זיי וועלען פון דאַנען ניט אוועק, און אויב יאָ, וועלען זיי שפּעטער צוריק קומען, ווייל לאַנג קע־נען זיי ניט פערבלייבען אין דער פרעמד, פונקט אַזוי ווי אַ חיה וואָס איז ערצויגען אין איין לאַנד, קען ניט לעבען אין אַן אַנדער לאַנד און אויב דו ווילסט, קענסטו מיינע רייד אויספּרובירען. נעהם עטליכע הירשען פון דיין לאַנד און שיק זיי אוועק אין אַן אַנדער לאַנד, וועסטו זעהן אַז זיי וועלען אין אַ צייט אַרום צוריק קומען אַהער״.

דער מלך האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט גענומען עט־ליכע הירשען, אַרומגערעקט זייערע הערנער מיט זילבער אַלס אַ צייכען זיי צו דערקענען ווען זיי וועלען צוריק קומען. אין דריי יאָהר אַרום זיינען זיי צוריק געקומען.

# מסכת תרומות

## 1

## די הינט האָבען זיך אָבגערעכענט

אין ציפורין איז געווען אַ קצב וואָס פלעגט קאָרמענען אידען מיט נבלות און טרפות איינמאָל, איין אַן ערב שבת. האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט וויין, איז אַרויף אויף'ן דאַך, איז פון דאָרט אַרונטערגעפאַלען און איז גע'הרג'עט געוואָרען. איז ער געלעגען שבת אין מיטען גאַס און הינט האָבען געלעקט זיין בלוט. זיינען אידען געקומען צו רבי חנינא און האָבען איהם געפרעגט אויב מען מעג דעם גע'הרג'עטען קצב אַוועקנעהמען, כדי די הינט זאָלען איהם נים אויפעסען. "לאָזט די הינט צורוה", האָט ר' חנינא געענטפערט, "די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז טרפה זאָל מען אָבגעבען צום הונט, און דער קצב האָט די הינט בערויבט און זייער חלק פערקויפט צו אידען, טאָ לאָזט די הינט צוריקנעהמען דאָס וואָס געהערט צו זיי".

## 2

## אידעלע נאטורען

איינער, א מאן, האָט פיינד געהאט שעפסען פלייש. איינמאָל איז ער געזעסען און געגעסען פלייש, איז פער־ ביינעגאנגען איינער וואָס האָט געוואָלט מאכען שפּאס פון איהם, האָט ער געזאָגט: "זאָלסט וויסען זיין, אז דו האָסט געגעסען שעפסען פלייש". און אזוי ווי דער עסער איז גע־ ווען זעהר א פעראיידעלטער מענש, האָט איהם גענומען זעהר שטארק עקלען און ער איז גלייך געשטאָרבען.

---

עטליכע אַנטרייבער פון אייזלען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף אן אכסניא און זיי האָבען זיך ביי דעם ווירטה בע־ שטעלט ארבעס. נאכדעם ווי זיי האָבען די ערשטע פּאָרציע אויפגעגעסען, האָבען זיי געבעטען א צווייטע פּאָרציע אר־ בעס. האָט ער זיי געגעבען א צווייטע פּאָרציע. "דיזע ארבעס שמעקט ניט אזוי גוט ווי די ערשטע וואָס דו האָסט אונז פריהער געגעבען", האָבען די אַנטרייבער געזאָגט. "איך האָב אייך ניט געגעבען פון די פריהערדיגע ארבעס", האָט דער ווירטה ערקלערט, "ווייל איך האָב אין יענע ארבעס געפונען א טייל פון א טויטע שלאנג". ווען די אַנטרייבער האָבען דאָס געהערט, איז זיי ניט גוט געוואָרען און זיי זייבען געשטאָרבען.

## 3

## דער טרייער הונט

פּאסטוכער האָבען געמאָלקען קיה און די מילך אוועק־ געשטעלט אן א זייט. איז געקומען א שלאנג און האָט גע־ טרונקען פון די מילך. דאָס האָט געזעהן דער הונט פון דער סטאדע, אָבער די פּאסטוכער האָבען דאָס ניט געזעהן. שפּע־ טער, אז די פּאסטוכער האָבען געוואָלט טרינקען די מילך, האָט דער הונט גענומען בילען אום זיי צו ווארנען פון דער געפאהר. די פּאסטוכער האָבען אָבער ניט פערשטאנען זיין בילען און זיי האָבען די מילך געטרונקען. גלייך נאכדעם זיינען זיי פון דעם גיפט געשטאָרבען.